ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# חכמת מהר"ל
# מפראג זצ"ל

אידיש

**620**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# חכמת מהר"ל

די וואונדערליכע תשובות וואס דער הייליגער

## מהר"ל מפראג זי"ע

האט גענטפערט דעם קארדינאל יאהן סאלוועסטער, אויף די גלחים'ס הארבע שאלות אויף די שווערע מאמרים אין תלמוד בבלי, אויך זיין תשובה וועגען

## דעם גולם.

אין דעם ספר זעהט מען די גרויסע חכמה פון די הייליגע תנאים און די געטליכע אוצרות וואס זיי האבען ענטדעקט אין די תורה, נביאים און כתובים.

נאכדרוק שטרענג פערבאטען.

בהוצאות אברהם פשעמיאראווער לאדז, נאוואמיעסקא 26

# פיעטרקוב

בדפוס הנגיד מו"ה שלמה בעלכאטאווסקי נ"י

שנת תרע"א לפ"ק

# פאררעדע

דאס איז בעוויסט אז ווי דער הייליגער מהר״ל האט געזעהען אז די קריסטליכע גוים נעמען צו די פאלשטע בלבולים וואס די שונאי ישראל טראכטען אוים אויף די אידישע אמונה און אויף דעם כלל ישראל, און זיי דערלאנגען דאס דעם קייזער רודאלף אלס בלוטיג געוועהר אומצוברענגען אומשולדיגע אידישע נפשות, האט דער צדיק געשריבען צום גרעסטען קארדינאל יאהן סאלוועסטער פון פראג און איהם געבעטען מיט הייסע טרערען אז ער וויל מיט איהם האבען א ערנסטען וכוח איבער די אידישע אמונה און אויסוויזען מיט ריזענדיגע פאקטען אז די אלע בלבולים האבען אונטער זיך קיין מינדעסטען באדענ[?] נישט, און זיינע אידישע ברידער זענען ווירקליך ריין פון יעדען שמוץ. דער בריעף איז געווען אזוי הייס געשריבען אז דער קארדינאל האט איהם נישט געקאנט ענטזאגען. און האט איהם צוריק געשריבען, אז ער איז פארבערייט צו האבען מיט איהם אזא וכוח, און ווי דער מהר״ל איז דערגאנגען אז דער קארדינאל האט בעשטעלט צו דעם וכוח דריי הונדערט גלחים, האט ער איהם געשריבען אז זיין שוואכער קערפער ערלויבט איהם נישט צו האבען א וכוח מיט אזוי פיעל מענשען, נאר זיין עצה איז, אז דער וכוח זאל דויערען דרייסיג טעג, יעדען טאג זאלען צעהן גלחים געבען דעם קארדינאל זייערע שאלות איינגעשריבען אויפ׳ן פאפיער, און ער וועט אויף זיי געבען געשריבען השובות. די עצה האט דעם קארדינאל זעהר שטן געפאלען. און האט אויף דעם איינגעווילינט. און מיר געבען דא איבער פיעל פון די אינטערעסאנטע שאלות און תשובות וואס זענען נאך געבליבען אין די גרויסע סעטער ביבליאטעק. און זענען דורך פיעל פראטעקציע ערלויבט געווארען איבערצוזעצען פאר די וועלט.

# די ערשטע שאלה

נעהרטער אידישער ראבינער! אונזערע צעהן גייסטליכע האבען אונז זעהר ריכטיג ערקלערט, און אויסגעוויזען אים געגענווערט פון איינעם פון אייערע געלערנטע אידען, אז אייער תלמוד פערבלענדעט די אידישע אויגען מיט זעהר פאלשע אילוזיאנען און אויסגעטראכטע לעגענדעס וואס פערקערפערן די גאטהייט, און הענגען אן אין אייבערשטען מענשליכע געפיהלען וואס בערויבען זיין גרויסקייט. זיי האבען מיך זעהר אויפגערעגט צייגענדיג וואס דער תלמודיסט אלעזר שרייבט אין אייערע פערהייליגטע גמרא (תענית ל"א ע"א), אז גאט וועט לעתיד מאכען א טאנץ פאר די צדיקים אין גן־עדן, און ער וועט זיצען צווישען זיי, און יעדער צדיק וועט אויף איהם צייגען מיט'ן פינגער. זאגט ראבינער אליין, אין דעם גייסטיגען פאראדיז, אין דעם הימלישען גן־עדן, זאל דער טאנץ זיין א פערגעניגען פאר צדיקים, און א נחת רוח פאר דעם אלמעכטיגען גאט. איינס פון אייערע אידישע רעליגיעזישע עיקרים איז, אז גאט איז קיין קערפער נישט, און ווייסט נישט פון די קערפערליכע געפיהלען, צום סוף נעמט איהר ארייין אין אייערע הייליגע גמרא אזא מאמר, אזא מגושמ'דיגע לעגענדע, וואס בעשמוצט דעם הערליכען גלאנץ פון דעם הימלישען רעגירונג. איך ערווארט אייערע ריכטיגע תשובה.

קארדינאל יאהן

---

# די ערשטע תשובה

פיעלגעשעצטער קארדינאל! אויף אזא פערשטעלטען מאמר האט שוין לענגסט דער קלוגער קעניג שלמה געשריבען אין ערשטען קאפיטעל פון זיין ספר משלי: "לְהָבִין מָשָׁל וּמְלִיצָה דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידֹתָם", ס'ברויכט פערשטעהן דעם משל מיט'ן נמשל, די חכמים'ס ווערטער און זייערע רעטענישען. ווייל די הייליגע תלמודיסטען אליין פערגיסען זייער צארן אויף די פאנאטישע מענשען וואס זייער אונוויסענהייט בריינגט זיי מגשם צו זיין דעם אייבערשטען. איהר ברויכט העהר

קארדינאל

קארדינאל וויסען אז די תלמודיסטען האבען אזוי פיעל געליעבט די חכמה או זיי האבען זיך ערלויבט צו זאגען, אז דער הייליגסטער צדיק ווען ער איז קיין חכם נישט, מאכט נישט דער אייבערשטער איהם רוהען זיין שכינה (נדרים ל"ח ע"א). די אלגעמיינע תלמודיסטען ערצעהלען (יבמות מ"ט ע"ב), אז דער קעניג מנשה האט גערכטעט דעם נביא ישעיה צום טויט ווייל ער האט אלס משל גע־שריבען, דאס ער האט געזעהן ווי גאט זיצט אויף א שטוהל, געגען דעם וואס גאט האט געזאגט צו משה רבנו „כי לא יראני האדם וחי, דער מענש קאן מיך נישט זעהען ווען זיין נשמה איז נאך פערשלאסען אין זיין ערדישען קערפער. און נאך א סך אזעלכע ווארנונגען געפינען מיר אין די תלמודיסטענס ספרים, מ'זאל נישט פערקערפערן די גאטהייט און נישט אנהענגען אין אייבערשטען מענשליכע געפיהלען, און דאס ערקלערט אודאי אז אויך דער תלמודישער מאמר וואס אייערע גייסטליכע האבען איהם גענומען אלס מוסטער צו ווייזען חלילה דאס נארישקייט פון אונזער הייליגען תלמוד, ער איז אויך א שמאקהאפטיגע פרי פון עץ הדעת, וועמס מ'מוז פאר'ן עסען אבשיילען זיין אויסווענדיגע שאהל.

דאס טאנצען איז מעהר ביי פרויליינס, אזוי ווי דער נביא זאגט (ירמיה ל"א י"ב): „אז תשמח בתולה במחול, (די בתולה פרייד זיך דאמאלס מיט'ן טאנץ). און ווייל דאס טאנצען איז נישט א בלויזע שמחה אין הארץ נאר א שמחה בפועל, צוליעב דעם איז דאס טאנצען מעהר ביי פרויען און נאך מעהר ביי פרויליינס, ווייל די מענער זענען גרע־סערע בעלי מחשבה ווי די פרויען, און די מחשבה האלט איין די שמחה און פערשליסט זי אין די הארצקאמערען, און די שמחה וואס איז ביי מענער אין הארץ, ווען זי וואלט זיך געפונען ביי פרויען, וואלט זי זיכער ארויס בפועל דורך פערשידענע קערפערליכע איבער־יועגונגען, און ווייל די שמחה לעתיד אין גן־עדן וועט זיין בפועל נישט בעהאלטען, דאס אליין רופט זיך אן טאנצען. און ווייל די דארטיגע שמחה איז נאר אין די גאטהייט, אזוי ווי דער פסוק זאגט שמחו צדיקים בה', זאגען די הייליגע תלמודיסטען די אלעגאריעשע מליצה, אז גאט ברוך הוא כביכול זיצט זיך צווישען די גייסטיגע מענער און זיי ווייזען אויף איהם מיט'ן פינגער, דאס הייסט אז זיי ווייזען אז גאט אליין איז זייער שמחה, און דער תלמוד ברענגט אויף דעם א ראיה דעם פסוק: ואמר ביום ההוא (דער צדיק וועט זאגען אין דעם טאג), „הנה אלהינו

זה

זה קוינו לו״, (דאס איז ווירקליך דער גאט וואס מיר האבען צו איהם געהאפט), „נגילה ונשמחה בישועתו״, (מיר וועלען זיך פרייען מיט זיין הילף). און די הילף איז וואס זיי זענען דאמאלס אין גן־עדן נישט אונ־טערגעווארפען אונטער די קערפערליכע מניעות און ערדישע סבות וואס דערלאזען נישט אז די שמחה זאל זיין בפועל.

אויך ברויכען מיר נאך פערשטערן דעם ענין פון דעם טאנצען, אז יעדע שמחה איז מיוחס צום נפש נישט צום גוף, און ווען דער גוף שטערט נישט די שמחה, איז דאמאלס די שמחה בשלמות, און דאס איז דער לאגישער מיינונג פון די תלמודיסטען מיט זייער פארשטעלען, אז לעתיד ווען גאט ברוך הוא איינריכטען א מאגין פאר די צדיקים אין גן־עדן, ווייל די צדיקים זייענדיג אין גן־עדן, זענען זיי בעפרייט פון זייער חומר, און דער נפש האט אויך זיך נישט מעהר קיין קער־פערליכען הערשער, אבער די רשעים וואס ביי זייער לעבען איז זייער נפש געווען אפפאל צו זייער קערפער, און זי איז דורך איהם געפיהרט געווארען אין די געפעהרליכסטע וועגען, דורך דעם וועט לעתיד זייער נפש אויך נישט בעפרייט ווערען פון מניעות און סבות וואס וועלען זיי נישט צו לאזען צו האבען א אנטייל אין די גייסטיגע שמחה בפועל וואס רופט זיך טאנצען. און דער מיינונג אז די צדיקים וועלען אויפ׳ן אייבערשטען ווייזען מיט׳ן פינגער, ווייל אויף די שטערבליכע וועלט, איז דער קערפערליכער חומר ווי א שווארצע וואנד צווישען מענש און צווישען אייבערשטען, און לאזט איהם נישט זעהען ריכטיג די גאטהייט, און דער גן־עדן־טאנץ וואס ווייזט אויף דעם שלמות פון נפש, איז אז דער חומר איז דארט אויף דעם עולם הנפשות נישט דא, און מעהר מאכט ער קיין חציצה נישט צווישען די נשמה און צווישען דעם אייבערשטען, און דאס איז גלייך זיי ווייזען אויף איהם מיט׳ן פינגער.

אויך קומען די תלמודיסטען ערקלערען מיט דעם גייסטיגען טאנץ אין גן־עדן, ווי גרוים די צדיקים זענען לעתיד און אויף וואס פאר א הויכע מדרגה זיי שטעהען אויף יענע וועלט, אז אזוי ווי גאט ברוך הוא יוערט אנגערופען קדוש, וואס דאס איז דער טייטש אבגעזאנדערט, ווייל ער איז ווייט און אבגעזאנדערט פון אלע ערדישע געפיהלען, אזוי אויך זענען די צדיקים אבגעזאנדערט פון גשמות און פון המריות, און שטעהען אין די גייסטיגע מדרגה פון די הימלישע מלאכים, און אזוי ווי ביי׳ם זאגען קדוש קדוש קדוש אין די קדושה שפרינגט מען, ווייל

דאס

דאס היילינגע התלהבות הייבט איף דעם מענש פון די נשמה'דינגע ערד צום גייסטיגען הימעל, אזוי אויך איז דער מיינונג פון דעם גייסטיגען טאנץ אין גן-עדן, דאדורך שרייבט אונזערע היילינגע תורה, או ביי דעם בארג סיני בשעת קבלת התורה וירא העם וינועו, ווי דאס פאלק האט גזעהען די גאטהייט האבען זיי זיך געשאקעלט פון גרויס התלהבות.

און די תלמודיסטען רופען דעם גן-עדן טאנץ אן מחול נישט רקידה, ווייל רקידה הייסט א טאנץ צוזאמען און מחול הייסט א רונדער טאנץ, און אזוי ווי יעדע רונדע זאך האט א מיטעל-פונקט, וואס אלע זייטען פון דעם רונדקייט זיינען צו איהם גלייך, און אקוראט נאהנט, אזוי בעפינט זיך דער אייבערשטער אלס מיטעלפונקט אין דעם רונדען טאנץ, דאס יעדער צדיק וואס נעמט א אנטייל אין דעם גייסטיגען טאנץ, איז צו איהם אזוי פינקטליך נאהנט ווי אלע אנדערע צדיקים, און זיינען פון איהם גלייך מקבל זיין געטליכע השפעה. כדי יעדענס פרייד זאל זיין אקוראט גלייך אהן דעם מינדעסטען צער, וואס איין צדיק זאל זעהען, אז דער צווייטער צדיק איז נעהנטער צום אייבערשטען ווי ער:

אזוי געעהרטער קארדינאל איז דער מיינונג פון דעם תלמודישען מאמר, און איך צווייפעל נישט אז דו וועסט דעם אמת מקבל זיין פון מיר ראבינער וואס זיין הארץ איז פול מיט שמערצען און זיינע אויגען פייכט מיט טרערען, זעהענדיג, ווי זיינע אינשולדיגע ברודער ווערען אומזאנסט פערפאלגט. אומזאנסט געפייניגט, פון די וואס זייער נאס שטאמט פון זיי ארויס, פון די וואס האבען די ליכט פון אמת'ען גלויבען איף די פינסטערע וועלט ערשיינט.

הקטן יהודא ליווא.

---

# די צווייטע שאלה.

פיעלגעעהרטער אידישער ראבינער! איך בעדאנקע אייך דאס אייערע ערשטע תשובה אויף די ערשטע שאלה פון אונזערע גייסטליכע האט אונז אלע זעהר געפאלען, און ווען די גייסטען פון אייערע היילינגע תלמודיסטען וועלען מאכען זייער אלעגאריעשען טאנץ אין גן-עדן, וועלען זיי אייך אויך אריינגעמען צווישען די מעטצער, ווייל זיי האבען

ניט

נישט אויף דעם גאנצען ערדקוגעל אזא וויכטיגען פערטיידיגער פאר זיי און פאר זייערע ווערק ווי איהר זענט. און היינט איז ביי מיר געווען דער צווייטער זיצונג פון אנדערע צעהן גייסטליכע. זיי האבען אויך זעהר שרעקליך געפייערט אויף אייערע תלמודיסטען, און זיי געמאכט פאר א ציעל צו די גרעסטע זלזולים, ווייל אייערע הייליגע ערלויבען זיך צו פערקערפערען דעם אייבערשטען און פערקלענערן זיין פערשטאנד זאגענדיג אז זיינע אויגען זענען ווי פערדונקעלט און זעהען נישט די שפעטערדיגע פעהלערען פון זיינע אייגענע ווערק, אזוי ווייט דאס ער מוז זיי ענדערן און מאכען פרישע אריכטיגע בעווייז אויף דעם האבען זיי מיר געוויזען וואס דער תלמודיסט אבהו שרייבט אין מדרש רבה פרשת בראשית: „ויהי ערב ויהי בוקר (ס'איז געווען נאכט און ס'איז געווען טאג) יהי בקר (ס'זאל זיין טאג) שרייבט נישט דער פסוק, נאר ויהי בקר (ס'איז געווען טאג, ס'איז געווען נאכט, איז פון דעם געדרונגען, אז גאט האט בעשאפען וועלטען און האט זיי חרוב געמאכט, ביז ער האט בעשאפען די איצטיגע וועלט, זאגענדיג אז פון די וועלט בין איך נישט צופריעדען און פון די וועלט בין איך יא צופריעדען. דער תלמודיסט פנחס ברענגט אויף דעם א ראיה דעם פסוק וירא אלהים את כל אשר עשה, גאט האט בעטראכט די וועלטען וואס ער האט פריהער געמאכט, האט ער געזעהן והנה טוב מאד, אז די איצטיגע וועלט איז זעהר גוט".

איך פרעג אייך געעהרטער ראבינער איהר זאלט אליין זאגען, אויב דאס איז נישט א בושה אפילו פאר א בעל מלאכה א בשר ודם ווען ער יעט ארויס א שלעכטע ארבייט וואס ער מוז זי פערניכטען און מאכען אן אנדערע א בעסערע ווי גאך דער אייבערשטער, ער, דער אלמעכטיגער גאט, דער אומגעהויער שאפער, זאל נישט קאנען פריהער זעהען וועלכע וועלט איז בעסער, און זאל האבען פריהער בעשאפען נישט קיין אויסגעהאלטענע וועלטען וואס האבען געמוזט חרוב ווערען. מיין געעהרטער ראבינער, ווען איך וואלט געווען אויף דעם ארט פון דעם צווייטען תלמודיסט פנחס, וואלט איך איהם אויף דעם נישט נאך א ראיה געבראכט נאר איהם דאס אבגעשוועכט, און איהם געהייסען אויף דעם ברענגען א קרבן צו פערגעבען זיין גרויסע זינד געגען די גאטהייט. מיט אכטונג

קארדינאל יאהן

# די צווייטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! איך מוז אייך ערקלערען, אז דער תלמודיסט רבי אבהו וואס דער מאמר איז צו איהם מיוחס, איז געוועזען איינער פון די גרעסטע פילאזאפען וואס צוליעב זיין חכמה איז ער געווארען א קרוב למלכות (סנהדרין י"ד), און אויך די קייזערליכע באנגע האט איהם בעעהרט מיט די גרעסטע טיטולען (כתובות י"ז), אויך האט ער געהאט רעליגיעזישע וכוחים מיט די פריידענקער און האט זיי בעזיעגט (סנהדרין ל"ט), און אפילו זיינע טעכטער האט ער געלאזט בילדען (ירושלמי ריש פרק במה אשה). אזוי א חכם וועט זיך נישט ערלויבען צו פערקלענערען די גרויסקייט פון אייבערשטען חלילה, און זאגען אז דער הייליגער שאפער האט חלילה נישט געזעהן די צוקונפטען פון זיינע ווערק, און האט געמוזט פערניכטען זיינע פריהריגע פעהלהאפטיגע ארבייט. אזאלכעס וועט אפילו א וואהנזיניגער אויך נישט זאגען. נאר דער ריכטיגער מיינונג פון דעם תלמודישען מאמר איז, אז די אלע וועלטען וואס זענען חרוב געווארען, האבען זעהר ריכטיג עקזיסטירט אין זייערע צייטליכע עפאכע, נאר אזוי ווי ס'איז אנגעקומען די בעשטימטע צייט פון די צווייטע עפאכע, האט די ערשטע עפאכע געמוזט אונטערגעהן, און יעדע עפאכע רופט זיך אן א נייע וועלט. צובייששפיעל, איידער דעם מענש איז בעשאפען געווארען, און די וועלט האט עקזיסטערט אין א עפאכע פון חיות בהמות און פייגעל, איז דאמאלס די וועלט געוועזען ווייט פון געפינען חן ביי'ם אייבערשטען, ווייל אלץ איז געוועזען בלויז אינסטינקט אהן א העכערען ענטוויקלונג, אזוי א וועלט האט עקזיסטירט איהר בעשטימטע צייט, און זי איז חרוב געווארען דורך דעם וואס גאט האט בעשאפען דעם מענש, און מיט איהם איז געקומען א קולטורעלע עפאכע, וואס האט די וועלט זעהר א שענעם גלאנץ געגעבען, בעלייכטעט אלע פריהריגע פינסטערע ווינקעלעך. אזו האט די וועלט עקזיסטירט איהרע בעשטימטע צייט, איז געקומען נאך א שענערע עפאכע וואס די וועלט איז אין גייסט אויך רייך און שען געווארען, דאס איז די צייט וואס גאט האט די מענשען בעעהרט מיט זיינע הייליגע תורה, וואס מיט דעם איז די פאריגע געצענדיענערישע וועלט ווי חרוב געווארען, און ס'האט ערשיינט א וועלט פון תורה חכמה, רוח הקדש, נבואה, אזוי ווי דער זעלבער רבי אבהו זאגט (פרק רבי עקיבא) הר

חורב (דער בארג סיני וואס פון איהם האבען די אידען מקבל געוועזען זייערע הייליגע תורה רופט זיך אויך מיט'ן נאהמען חורב), שממנו ירד חורבן לעובדי אלילים, (ווייל פון איהם איז געקומען א חורבן צו די געצענדינער), איידער די אידען האבען מקבל געוועזען די תורה, האבען זיך צווישען די פעלקער געפינען נביאים ווי בלעם און איוב'ס חברים אליפז און צופר הנעמתי, און נאך אנדערע; נאר ווי דאס פאלק ישראל איז געקרוינט געווארען מיט די כתר תורה, האט די נבואה גלייך אבגעטרעטען פון די אנדערע פעלקער און זי האט נאר עקזיסטירט ביי אידען. איידער ארץ ישראל איז פערהייליגט געווארען, זענען אלע לענדער ראוי געוועזען צו די שכינה און צום רוח הקודש, נאר אזוי ווי ארץ ישראל איז אויסערוויילט געווארען אלס רעזידענץ-פלאץ פאר דעם הימלישען קעניגרייך, זענען די אנדערע לענדער ווי פסול געווארען צו דעם. אויף די אלע זאכען קאן מען זעהר דרייסט און זעהר ריכטיג בענוצען די מליצה, אז גאט בעשאפט וועלטען און מאכט זיי אליין חרוב, נישט ווי די בערואיסטען זאגען, אז ס'איז דא חלילה צוויי געטער, איינער וואס דורך איהם ווערט די וועלט ענטוויקעלט, און איינער וואס די וועלט ווערט דורך איהם פערניכטעט גראדע ווי די וועלט-בעשאפונג איז פריהער געוועזען א וועלט פון פינסטערניש. און שפעטער ווי די ליכט איז בעשאפען געווארען, איז די פאריגע וועלט ווי חרוב געווארען, און דאס קאן מען חלילה נישט רעכענען פאר א חסרון אדער א פערוועהונג פון אייבערשטען חלילה, ווייל יעדע עפאכע האט גענוצט און איז נייטיג געוועזען אין די וועלט-הארמאניע, ווייל דער ווילען פון גאט איז פון אנפאנגס אן געוועזען אז די וועלט זאל וואס אמאל קימען העכער און ווערען קלוגער אויך שענער דורך די מענשליכע פעהיגקייטען, גראדע ווי דער פאטער גיעט זיין קינד א שטיקעל לייים אדער וואקס, און שטעלט זיך פין ווייטען זעהען וואס פאר א בילד און וואס פאר א צורה ער וועט פון דעם אויסארבייטען. אויך האט גאט נישט געוואלט אליין ענטדעקען אלע ערפינדונגען מיט איין מאל און איין צייט, נאר ער עפענט אין יעדען דור די אויגען פון א חכם און העלפט איהם צו געפונען דאס ערפינדונג וואס איז נוצליך פון די צייט אן, און אזוי ווי דאס ערפינדונג ערשיינט בעקימט די וועלט גאר א נייע הנהגה, און די פאריגע הנהגה הייסט ווי חרוב געווארען. און דער תלמוד ירושלמי (ברכות ריש פרק

אלו

אלו דברים) ערצעהלט טאקי אויף דעם זעלבען רבי אבהו, אז ווען ער איז געפאהרען אין דרום־קאנט, האט ער זיך געפיהרט ווי דער דארטיגער ראבינער רבי חנינא, און ווען ער איז אראב נאך טבריה, האט ער זיך געפיהרט ווי דער דארטיגער ראבינער רבי יוחנן. דאס הייסט, גלייך ער איז געקומען אין צוויי וועלטען אריין, און ער האט זיך אויף יעדע וועלט געפיהרט לויט די עפאכע וואס עקזיסטיערט דארט און לויט דעם ריכטיגען ערקלעהרונג האט רבי אבהו מיט דעם מאמר נאך פערגרעסערט דאס גרויסקייט פון איבערשטען, גראדע ווי א מלך בשר ודם טהוט יעדען טאג אן א נייעם מלבוש צו ווייזען מיט דעם זיין רייכטהום, און לויט ווי דער נביא ישעיה זאגט, וועט אויף די וועלט קומען באחרית הימים אזוי א שענע וואונדערליכע עפאכע, אז די אלע טויזענדער עפאכעס וואס זענען געוועזען, וועלען אויסזעהען געגען איהר ווי גאר נישט, און דאס וועט ווידער הייסען א נייע וועלט. מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די דריטע שאלה

געעהרטער ראבינער! אונזערע צעהן גייסטליכע פון היינטיגען טאג האבען אויך זעהר שלעכט קריטיקירט אייערע תלמודיסטען מיט דעם זעלבען וואס די נעכטיגע גייסטליכע האבען זיי קריטיקירט, אז זיי האבען אין תלמוד אריינגענומען אזעלכע אונבערעכענטע מאמרים וואס פערקער־פערען דעם אלמעכטיגען גאט, און הענגען אין איהם אן מענשליכע גע־פיהלען, וואס דורך דעם ווערט אייער אידיש גלויבען זעהר פערשוואכט. א קראיעמער האט איינעם פון די גייסטליכע געוויזען, וואס אייערס א תלמודיסט רב שרייבט אין די מסכת עבודה זרה דעם ערשטען פרק אזא אונפערשטענדליכען מאמר: „דער טאג ייערט צוטיילט אויף צוועלף שעה. אין די ערשטע דריי שעה זיצט גאט און איז עוסק אין די תורה. אין די צווייטע דריי שעה זיצט גאט און איז דן די גאנצע וועלט, בע־שטראפט די זינדיגע, ער הייבט זיך אויף פון די שטוהל וואס רופט זיך כסא־דין און זעצט זיך אויף די שטוהל וואס רופט זיך כסא־רחמים. אין די דריטע דריי שעה, זיצט ער און שפייזט די גאנצע וועלט פון דעם ביפעל־אקס מיט דו לאנגע הערנער ביז די איערלעך פון די קלענסטע

מאוסע

מאמ׳ס׳ע ווערעם. אין די לעצטע דריי שעה זיצט גאט און שפּיעלט זיך מיט׳ן לויתן, אזוי ווי דער פסוק זאגט לויתן זו יצרת לשחק בו״.

איך מוז אייך געעהרטער ראבּינער זאגען, אז איך בין זעהר אויפ־גערעגט געוואָרען הערענדיג דעם מאמר, און מיר האט געפלאמט א פייערדיגער צאָרן, אויף די אידישע פאנאטיקער וואס פערנעטערן די תלמודיסטען וואס פערקערפערן די גאטהייט, שרייבענדיג אז דער אל־מעכטיגער גאט שפּיעלט זיך מיט׳ן וואלפיש, און הענגען דאס אן אין פסוק לויתן זה יצרת לשחק בו, וואס דער אמת׳ער טייטש איז, אז מענשען זאלען זיך מיט איהם שפּיעלען נישט גאט. גלייבט מיר הער ראבינער דאס איך מיט נאך צוויי גייסטליכע, האבען מיר זיך זעהר גע־מאטערט צו געפינען א פערטיידיגונג אויף דעם מאמר, און ס׳האט אונז לײדער נישט געלונגען. מיט אכטונג

## קארדינאל יאהן

---

# די דריטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! איך גיב אייך און די אייניגע גייסטליכע מיין הערצליכען דאנק, פאר דעם מאטערן זיך צו פערטיידיגען דעם מאמר פון אונזער גרויסען תלמודיסט רב, וואס ווערט אויך גערופען מיט׳ן נאמען אבא, דאס הייסט פאטער, ווייל אזוי ווי קינדער שעצען זייער פאטערס ווערטער, האט די וועלט געשעצט די ווערטער וואס זענען ארויס פון זיין הייליג מויל (רש״י שבת נ״ג ע״א. יבמות נ״ז ע״ב). ווייל ער איז געווען מעהר חכם פאר זיינע חברים (ערובין י״ג), דאדורך האט מען איהם געמאכט פאר דעם „רבן של כל בני הגולה״ (רש״י ביצה ט׳ ע״א). אויך די הויכגעשטעלטע פון קייזער זענען מיט איהם בע־פריינדעט געווען (ע״ז י׳ ע״ב), און אויסער רעליגיע האט די וועלט ביי איהם געלערנט וויסענשאפטליכע זאכען (פסחים קי״ג ע״א). אויך זענען זיינע קללות מקוים געוואָרען (שבת ק״ח ע״א). און ער איז געווען זעהר פארזיכטיג מיט זיינע ווערטער אז די שפּעטערדיגע דורות זאלען פון זיי נישט לאכען (שם ע״ה ע״ב). דאדורך קאנען מיר זיין זיכער אז אויך אין דעם מאמר האט ער בעהאלטען זעהר א הויכע כונה, און אזוי ווי מיר וועלען פון איהם ארויסנעמען זיין אויסוועדיגע שאל וועלען

מיר

מיר גלייך געפונען ווערר א גוטען געשמאק אין זיין פרוכט, און אזוי פלעג איך שטענדיג טייטשען דעם מאמר פאר מיינע תלמידים.

אזוי ווי פיעל פריידענקער האבען זיך ערלויבט צו זאגען, אז דעת אייבערשטער האט גאר נישט אין זינען די שטערבליכע וועלט, און זי האט א בעטרעף אין די אונענדליכע אטמאספערע נישט מעהר ווי די מינדעסטע שטויב, און די געפעהרליכע אידעע קאן די מענשען מאכען פאר ווילדע אויסגעלאסענע חיות, טראכטענדיג אז זיי האבען קיין אבערהער נישט אויף זיך ער זאל זיי בעשטראפען, און נאך מעהר געפעהרליכער איז די אידעע פאר די גייסטליכע, ווייל ווען מ'נעמט אוועק די ממשלה פון קיינער אליין, ווי זעהען דאמאלם אוים זיינע אנהענגער און זיינע פערטרעטער. און אלס פראטעסט אויף די פריי אידעע האט דער גרויסער תלמודיסט רב געשריבען דעם מאמר און ערקלעהרט, אז די השגחה פון גאט אויף די וועלט הערט שטענדיג נישט אויף און ער האט אימער פערבינדונגען מיט זיינע ברואים פון דעם גרעסטען ביז דעם קלענסטען, און אזוי ווי דער מענש פיהרט זיך ביי זיין הויז בויען, אז אנפאנגס איז ער מסדר די מאטעריאלען און ברענגט אלץ אין ארדנונג. נאכדעם הייבט ער עס אן אויפשטעלען, און ווען ס'שטעהט שוין ריכטיג איינס נעבען צווייטען פערפעסטיגט ער עס מיט נעגעל אדער קאלך ס'זאל נישט צופאלען, און ווען ס'איז שוין פערטיג מאכט ער דארט זיין וואוינונג, אזוי אויך פיהרט זיך דער אייבערשטער מיט די וועלט. אין די ערשטע דריי שעה פון טאג איז ער עוסק אין די תורה, נישט ער זיצט ווי א בשר ודם און לערנט אין אונזערע תורה, גאר דער מיינונג איז אז ער בעשעפטיגט זיך אין דעם סדר המציאות און זעהט צוזאמענצושטעלען די מאטעריאלען אז די בריאים זאלען זיך דורך זיי קאנען פיהרען לויט די לעהרע פון די תורה, דאס הייסט רוחניות פאר דעם גייסט, און גשמיות פאר דעם קערפער. און דאס איז דעת זעלבער מיינונג וואס די תלמודיסטען זאגען אז גאט ברוך הוא האט אריינגעקוקט אין די תורה און בעשאפען די וועלט, דאס הייסט, ער האט די וועלט געגרינדעט אז זי זאל קאנען עקזיסטירען לויט זיין ווילען אין די הייליגע תורה. אין די צווייטע דריי שעה פון טאג איז ער דן די ברואים און בעשטראפט די זינדיגע וואס פיהרען זיך נישט לויט די תורה, וואס מיט דעם ווערען די וועלט-מאטעריאלען ריכטיג צוזאמען געשטעלט. און זעהענדיג אז דאס איז אין ארדנונג בעזארגט ער אלע ערנעהרונגען פאר די וואס פיהרען זיך לויט זיינע געזעצען

זעצען

זעצען, וואס מיט דעם ווערט דער וועלט־בנין פערפעסטיגט ער זאל קאנען עקזיסטירען, דאס טהוט ער אין די דריטע דריי שעה. און אין די פירטע דריי שעה, ווען אלץ איז שוין בעזארגט, בעטראכט ער די וועלט מיט פערגניגען און פערוויילט זיך מיט זיינע בעשעפעניסען און זעהט פארצובריימען פאר די צדיקים זייער גייסטיגען לוין אויף דעם עולם הנשמות, וואס לויט די ביבלישע מליצה, רופט זיך דער שכר אן אלס סעודה מיט'ן פלייש פון לויתן, ווייל דער וואלפיש איז די גרעסטע און שטארקסטע בריאה ווערט ער בענוצט אלס מליצה אויף אונגעהויערע גרויסע קערפערליכע אויך גייסטיגע זאכען (עי' מועד קטן כ״ו ע״א), און אויך ווייל דער וואלפיש איז א דג טהור (חולין ס״ז ע״ב). צוליעב דעם האבען די תלמודיסטען גענומען דעם וואלפיש אלס מליצה, פארצו־שטעלען דעם שכר פון די צדיקים (בבא בתרא ע״ד וע״ה). און ביי'ם איבערשטען וואס איז בלויז רוחניות הייסט דאס ווי געשפיעלט זיך מיט'ן לויתן, ערשטענס ווייל דעם וואלפיש'ס קראפט איז ביי'ם איבערשטען ווי גאר נישט, נישט מעהר ווי געשפיעלט זיך מיט איהם, און צווייטענס ווייל דאס גאנצע חמריות און גשמיות איז ביי איהם נישט מעהר ווי א געלעכטער. אזוי ווי שלמה המלך עליו השלום שרייבט, אז די תורה זאגט (משלי ח' ל') „ואהיה שעשועים יום יום משחקת לפניו בכל עת״, טעגליך בין איך ביי גאט ווי א שפיעלעכץ און יעדע צייט שפיעל איך מיך פאר איהם. ווייל געגען גדלות פון איבערשטען איז דאס אלץ נישט מעהר ווי א קינדער־שפיעל. און מיט דעם מאמר בעשטעטיגט רב דעם מאמר פון רבי יהודה הנשיא (אבות פ״ב): „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עברה״, (טראכט אריין אין דריי זאכען וועסט דו דאמאלס נישט קומען צו די זינד), „דע מה למעלה ממך״, (ווייס וואס איז העכער פון דיר) „עין רואה״ (אז ס'גיבט א אויג וואס זעהט דיינע גוטע און שלעכטע מעשים), ואזן שומעת, (און א אויער וואס הערט פון דיר אלעס), „וכל מעשיך בספר נכתבים״. (און אלע דיינע מעשים ווערען אין דעם הימלישען ספר פערשריבען). געגען די ערשטע דריי שעה וואס גאט זיצט און איז עוסק אין די תורה, זאגט דער תנא „דע מה למעלה ממך״, מ'זאל וויסען אז דער וואס איז דער העכסטער פון אלע הויכע איז עוסק אין די תורה, און פערלאנגט מ'זאל זיך דערוויימערן פון יעדע עברה. און געגען די צווייטע דריי שעה וואס גאט זיצט און איז דן די וועלט, זאגט דער תנא עין רואה, דאס הימלישע אויג זעהט און איז יעדען דן לויט

לויט זיינע מעשים. און געגען די דריטע דריי שעה וואס גאט זיצט אין ערנעהרט די וועלט מיט אלע בעשעפעניסען, זאגט ער „ואין שומעת״, אז דאס געטליכע אויער הערט אלץ וואס זיינע ברואים פערלאנגען, און בעוארגט זיי דאס. און געגען די פיערטע דריי שעה וואס גאט מאכט פארבערייט אויף יענע וועלט דעם שכר פאר די צדיקים, זאגט דער תנא „וכל מעשיך בספר נכתבים״, אלע דיינע מעשים ווערען אין הימלישען בוך פערשריבען, מ׳זאל וויסען וואס פאר א שכר מ׳זאל דיר אויף יענע וועלט געבען. דאדורך געעהרטער קארדינאל ברויכען מיר ראבינער אויך איהר גייסטליכע צו זיין דאנקבאר דעם תלמודיסט רב פאר דעם מאמר, וויל דאס פערשטארקט אונזער הייליגען אמת, און ברענגט דעם פובליק צו אכטען אונז. מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די פיערטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! די צעהן גייסטליכע וואס האבען זיך היינט ביי מיר פערזאמעלט, האבען אויך זעהר שלעכט קריטיקירט אייער תלמוד און אויסגעגאסען אויף איהם זייער פייערדיגען כעס, וויל ער שטויסט אב די געצענדיענער מיט די רעכטע האנד און איז זיי צוריק מקרב מיט די לינקע האנד, און אלס בעווייז אויף דעם האבען זיי מיר געוויזען דעם תלמודישען מאמר (סנהדרין פרק ד׳ מיתות), אז דאס וואס די תורה שרייבט (ויקרא י״ח כ״א) „ומזרעך לא תתן להעביר למולך״, (פון דיינע קינדער זאלסט דו נישט געבען דורכצופיהרען דורך די צוויי פלאקערען פייער וואס מ׳ברענט פאר דעם אבגאט מולך), ״וויל ס׳שטעהט ומזרעך (פון דיינע קינד) נישט זרעך (דיינע קינדער), איז נאר דער עובר אויף די לא תעשה וואס ער גאט נאר א טהייל פון זיינע קינדער צום מולך, אבער דער וואס לאזט דורכפיהרען זיינע אלע קינדער איז אויף די לא תעשה נישט עובר.

.איך פרעג אייך געשעצטער ראבינער זאגט דעם אמת, אויב דער מענשליכער ריינער שכל ערלויבט אריינצונעמען אזא דרש אין קאפ: דער וואס פיהרט אלע קינדער דורך דעם אבגאט מולך טהוט גאר קיין עבירה נישט, און מ׳ברויכט איהם נישט דאס מינדעסטע בעשטראפען.

פאר

פאַר וואָס האָבען זײַ בעסער נישט געמאַכט אַ דרש, אַז אפילו ער־פיהרט דורך אַ טײַל פון זײַנע קינדער נישט אַלע איז ער אויך עובר די זינד. מיר דאַכט זיך אַז דער תלמודישער מאמר וועט שוין דורך אײַך נישט פערטײַדיגט ווערען, און איהר וועט מודה זײַן, אַז אין אײַערן תלמודישען גאָרטען געפינען זיך גאַנץ גענוג דערנער, וואָס מ׳ברויכט זײַ אויסרײַסען. מיט אַכטונג

קאַרדינאַל יאָהו

---

# די פיערטע תשובה.

געעהרטער קאַרדינאַל! דער תלמודישער מאמר איז קײן דאָרן נישט אין תלמודישען גאָרטען, און ער לאָזט זיך גאַנץ גוט פערטײַדיגען, אַז טאַקי נאָר מיט׳ן אָפּפערן אַ טײַל קינדער צום אָבגאָט מולך איז מען עובר די עבירה נישט מיט אַלע קינדער, ווײַל אַלץ וואָס מען אָפּפערט צו די גאָטהײַט ווערט נאָר געגעבען אַ טײַל נישט אין גאַנצען, אַזוי ווי די מצות פון תרומה, מעשר, חלה, וואָס ס׳ווערט געגעבען אַ טײַל נישט אַלץ, און דער וואָס גיעט אַוועק אין גאַנצען, איז די תרומה מעשר און חלה קײן אָפּפער נישט און ס׳בעקומט קײן קדושה נישט. און דער טעם פון דעם איז, ווײַל מ׳ברויכט געבען פון דעם וואָס גאָט ברוך הוא האָט דעם מענש געגעבען, און ווען ער גיעט דעם אײבערשטען צוריק אין גאַנצען, ווערט דאָס אויס ווי ער וואַרפט דעם מלך צוריק די מתנה וואָס ער האָט איהם מיט איהר בעעהרט, און די שלעכטע מלאכים אין הימעל קריגען אַן מיט וואָס מקטרג צו זײַן אויף איהם, און אויך די נאַרישע מאמינים אין אָבגאָט מולך האָבען צו איהם נישט געאָפּפערט זײַערע אַלע קינדער נאָר אַטײַל קינדער, און דער פערנאַרטער איד וואָס טהוט אויך נאָך דאָס נאַרישקײַט און אָפּפערט צו איהם אַ טײַל פון זײַנע קינדער, הײַסט דאָס אַז ער האָט פערלאָזט דעם גרויסען אידישען גאָט און גע־דיענט אַ עבודה זרה, און ער ווערט מיט׳ן טויט פעראורטײַלט, אָבער ווען ער אָפּפערט צו איהם אַלע זײַנע קינדער הײַסט דאָס נישט אַ אויסער־ווײַלטער אָפּפער און די גאָטהײַט נעמט דאָס נישט צו. ווײַל דער וואָס שטעהט צו צו אַ פרעמד גלויבען מוז נאָכטהוען די גאַנצע איהרע גע־זעצען, אָבער ווען ער ענדערט איהר׳ס אַ געזעץ, הײַסט דאָס נישט

ריכטיג

ריכטיג צוגעשטאנען. און ווען אונזערע הייליגע תורה זאל מיינען אז סיי דער וואס פיהרט דורך דעם מולך אלע זיינע קינדער און סיי דער וואס פיהרט דורך א טייל קינדער הייסט דאס צוגעשטאנען צו די עבודה זרה, וואלט די תורה חאטש איינמאל געשריבען זרעך נישט מזרעך, ווייל אויסער דעם פסוק (ויקרא י״ח כ״א) „ומזרעך לא תתן להעביר למולך", שטעהט נאך דריי פסוקים (שם כ׳ ב׳) „אשר יתן מזרעו למולך" (שם ג׳) „מזרעו נתן למולך", (שם ד׳) „בתתו מזרעו למולך", איבעראל שטעהט מזרעו, פון זיינע קינדער, נישט זרעו, זיינע קינדער, וואס דאס איז א בעוויז אז די תורה מיינט נאר א טייל קינדער נישט אלע, ווייל דער רעליגיעזישער אפפער מוז זיין נאר א טייל, אזוי ווי דער דין איז העושה כל גרנו תרומה (דער וואס מאכט זיין גאנצען שייער פאר תרומה), וכל עסתו חלה (און זיין גאנץ טייג חלה), אינו חלה ואינו תרומה, (איז עס קיין חלה נישט און קיין תרומה נישט). און דער מענשליכער שכל איז דאס אויך מחיב, אזוי ווי איך האב שוין ערקלעהרט.

מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די פינפטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! היינט איז ביי מיר געווען זעהר א שטורמישע זיצונג, אלע צעהן גייסטליכע זענען געווען זעהר אויפגערעגט און פון זייער מויל האט גע פריצט פיעל פונקען פייער אויף אייער הייליגען תלמוד וואס ערלויבט זיך אנצוהענגען זעהר נישט ריכטיגע אידעען אין די העלדען פון דעם געטליכען ביבעל און פערדונקלען זייער הייליגען גלאנץ. די גייסטליכע האבען מיר געוויזען אין תלמוד (מכות פרק בתרא) דעם מאמר פון דעם תלמידיסט שמלאי וואס זאגט דארט מיט דעם לשון: „זעקסהונדערט און דרייצעהן מצות זענען געזאגט געווארען צו משה׳ן אויפ׳ן בארג סיני. דרייהונדערט פינפאונזעכציג מצות לא תעשה געגען די טעג פון די זונן, און צוויי הונדערט אכטאונפערציג מצות עשה געגען די אברים פון מענשען. און דאס זאגט דער פסוק תורה צוה לנו משה, תור״ה בעטרעפט זעקסהונדערט עלף, און די ערשטע צוויי מצות אנכי און לא יהיה לך האט גאט אליין געזאגט. איז געקומען דוד און האט די מצות געשטעלט אויף עלף, אזוי ווי ער זאגט

אין תהלים: מי יגור באהלך ומי ישכון בהר קדשך (ווער איז ראוי צו וואוינען אין דיינע געצעלטען און ווער איז ראוי צו רוהען אויף דיין הייליגען בארג) הולך תמים (דער וואס געהט אין גלייכען וועג) ופועל צדק (און ווירקט גערעכטיגקייט) ודובר אמת בלבבו (און רעדט אמת אין הארצען). הולך תמים דאס איז אברהם אבינו אזוי ווי דער פסוק זאגט התהלך לפני והיה תמים. ופועל צדק אזוי ווי אבא בן חלקיהו, ודובר אמת בלבבו, דאס איז רב ספרא. לא רגל על לשונו דאס איז יעקב אזוי ווי דער פסוק זאגט אולי ימושני אבי וגו׳. לא עשה לרעהו רעה, ער איז נישט אריין אין זיין חבר׳ס אומנות. „וחרפה לא נשא על קרובו, דער וואס איז מקרב זיינע קרובים.

זאגט איהר ראבינער אליין ווי אזוי קאן זיך דאס אייער תלמודיסט ערלויבען צו מאכען דעם הייליגען דוד המלך פאר אזא שרעקליכען רעפארמאטער דאס ער זאל האבען פון די זעקסהונדערט און דרייצעהן מצות וואס פערנעמען די וויכטיגסטע פלעצער אין די תורה נישט בעשטעטיגט מעהר ווי עלף, און זאל זיך נאך ערלויבען צו זאגען דרייסט פאר׳ן אייבערשטען שמרה נפשי כי חסיד אני (היט מיין לעבען ווייל איך בין א חסיד). לא תתן חסידך לראות שחת (זאלסט דיין חסיד נישט געבען צו זעהען דעם גיהנם). אז לא אבוש בהביטי אל כל מצותיך״ (איך שעם זיך נישט קוקענדיג אויף אלע דיינע מצות). איך ערווארטע פון אייך א ריכטיגען ענטפער. מיט אַכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די פינפטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! איידער איך געה פערטיידיגען דעם תלמודישען מאמר און ערקלעהרען אז ער איז געגרינדעט אויף לאגישע אויך עכטע רעליגיעזישע פונדאמענטען, ווייל איך אייך פריהער אויפמערקזאם מאכען אז דער זעלבער רבי שמלאי וואס האט געזאגט דעם מאמר, איז געווען דער הויזפיהרער פון רבי יהודה הנשיא (ע״ז ל״ז ע״א), און דער נשיא האט געשטאמט פון דוד המלך׳ס פאמיליע (שבת נ״ו ע״א), דאדורך וואלט ער זיך נישט ערלויבט אנצוזירהען דעם כבוד פון דוד המלך און איהם מאכען חס ושלום פאר א רעפארמאטער, און אויסרייסען די

שענסטע

שׁענסטע זעקסהונדערט און צווײ רײזען פון דעם אידישען רעליגיעזישען גאַרטען וואָס דער גרויסער משה רבינו פּאַטער פון די געטליכע נביאים האָט זײַ פּערפלאַנצט. אויך וויל איך אײַך אויפמערקזאַם מאַכען אַז רב אשי וואָס האָט מסדר געווען דעם תלמוד בבלי, האָט איהם פול געמאַכט מיט מאמרים וואָס שטעלען דוד המלך אויף די העכסטע אידישע מדרגה און לאָזען אויף איהם דאָס מינדעסטע שלעכטע וואָרט נישט רײַדען, ווי דער מאמר (שם נ״ה ע״ב) כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה (ווער ס׳זאָגט אַז דוד האָט געזינדיגט איז זיך טועה), חאָטשע די זינד פון בת שבע שטעהט בפירוש אין הײַליגען ביבעל. אויך זאָגען די תלמודיסטען (ירושלמי סנהדרין פ״ב ה״ד) אין לך אדם בישראל שבזה עצמו על המצות יותר מדוד (ס׳געפינט זיך נישט אַ מענש צווישען יודען וואָס זאָל זיך האָבען אַזוי מבזה געווען צוליעב די מצות ווי דוד המלך), צום סוף וועלען זיך גאָר די זעלבע תלמודיסטען ערלויבען צו מאַכען איהם חלילה פאַר אַזוי אַ שרעקליכען מקצץ בנטיעות אין נישט וועלען מעהר בעשטעטיגען פון די תרי״ג מצות ווי עלף, און ער זאָל נאָכדעם קאָנען דרייסט זאָגען פאַר׳ן רבונו של עולם (תהלים מ׳ ט׳) לעשות רצונך אלהי חפצתי ותורתך בתוך מעי (איך האָב נאָט געוואָלט טהוען דײַן ווילען און דײַן תורה איז אין מײַנע געדערעם). אויך מעהרסטען טײל מדות וואָס שטעהען אין דעם פסוק וואָס רבי שמלאי ברענגט פון תהלים אַז דוד המלך האָט די תרי״ג מצות געשטעלט נישט מעהר ווי אויף עלף, געפינען זיך גאָר נישט אין די תרי״ג מצות. אויסער דעם איז דער אויסדריק והעמידן (ער האָט די מצות געשטעלט) נישט טײַטש אַז ער האָט די אַלע איבריגע מצות מבטל געווען חלילה.

נאָר די אמת׳ע כונה פון דעם תלמודישען מאמר איז, ווײַל די מעשים טובים וואָס דער מענש טהוט זענען פערשידען און זענען מיט זײַער גרויסקייט נישט גלײַך איינס צום צווייטען, דער וואָס טהוט אַ גנאַרע מיט׳ן צווייטען איז זײַן מדרגה און זײַן לוין פיעל גרעסער פאַר די מדרגה און פאַר דעם שכר פון דעם וואָס פיהרט זיך מיט׳ן צווייטען לויט דין, און יעדער לויט זײַנע גוטע מעשים בעקומט אַ דבקות צום אייבערשטען, ווײַל דאָס דבקות קאָן נישט זײַן גלײַך בײַ אַלע פערשידענע מדות, און דער גרויסער מענש וואָס איז מקים אַלע תרי״ג מצות, איז זײַן דבקות צום אייבערשטען בתכלית השלמות, ווײַל ער האָט זיך געקויפט אַלע מיטלען וואָס ברענגען איהם צו דעם ריכטיגען דבקות, און דוד המלך

עדי

עליו השלום וואס ער האט זוכה געווען צו אזא דבקות, האט ערקלעהרט עלף גייסטיגע פונדאמענטען וואס אויף זיי זענען געגרינדעט אלע תרי״ג מצות, און דער געצייכענטער מענש וואס בעזיצט די עלף זאכען קומט צו די זעלבע הויכע מדרגה פון דעם וואס איז מקים אלע תרי״ג מצות, און דאס איז דער מיינונג פון דעם פסוק מי יגור באהלך ומי ישכן בהר קדשך, ווער בעקומט דעם ריכטיגען דבקות צום גייסטיגען געטליכען קוואל. וויל דאס ריכטיגע דבקות געברויכט צוויי זאכען, די ערשטע זאך איז צו זיין ווייט און אבגעזאנדערט פון די קערפערליכע תאוות, און די צווייטע זאך איז, צו מאכען די גוטע מדות מצות און מעשים טובים פאר טרעפ ארויפצוגעהן אויף זיי און קומען צו דעם הויכען געטליכען דבקות. און דאס זאגט דוד המלך עליו השלום מי יגור באהלך ומי ישכון בהר קדשך, ווער קאן זוכה זיין צו וואוינען אין דיין געצעלט, דאס הייסט צו האבען צו דיר דעם ריכטיגען גייסטיגען דבקות, אז ס׳זאל נישט זיין קיין חציצה צווישען דעם מענש און צווישען די גאטהייט, דער וואס קויפט זיך די עלף מדות וואס זיי זענען די יסודות פון אלע תרי״ג מצות, דרייהונדערט פונפאונזעכציג פון זיי, זאגט רבי שמלאי, זענען מצות לא תעשה, וואס דורך זיי ווערט דער מענש פערוויטערט פון די קערפערליכע תאוות. און צוויהונדערט אכטאונפערציג זענען מצות עשה, וואס ווען די צוויהונדערט אכטאונפערציג מענשליכע אברים טהוען זיי בשלמות, ווערט דער מענש נענצליך נאהנט צו די גאטהייט וואס בעזיצט אויך די עלף מדות וואס אויף זיי זענען געשטעלט געווארען די תרי״ג מצות. איצט האט רבי שמלאי נישט געמאכט דוד המלך פאר א רעפארמאטאר חלילה אזוי ווי אייערע צעהן גייסטליכע האבען נערעכענט, נאר דוד המלך האט געוויזען די עלף פונדאמענטען וואס אויף זיי איז געבויעט דער גייסטיגער פאלאץ פון אונזערע הייליגע תורה, און ווען דער מענש טהוט איינס פון די עלף זאכען איז גלייך ווי ער וואלט מקים געווען א עלפטער טייל פון אלע תרי״ג מצות, און ווידער דער וואס פערפעהלט א מצוה איז גלייך ס׳פעהלט איהם א שטיג צום געטליכען דבקות און קאן צו איהר נישט צו קומען.

מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די זעקסטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! אייערע פינפטע תשובה האט אלע אונזערע גייסטליכע זעהר שען געפאלען, און יעדער האט ארויסגענומען א קאפיע פון אייער שריפט. און די צעהן גייסטליכע וואס זענען היינט געוועזען ביי'ם זיצונג האבען אויך שלעכט קריטיקירט דעם תלמוד דאס ער שטעלט פאר אזאלכע זאכען וואס האבען קיינמאל נישט עקזיסטירט און זענען נישט געוועזען אין די ווירקליכקייט, אזוי ווי זיי האבען מיר געוויזען דעם פרעמדען מאמר פון שמעון בן לקיש אין אייער הייליגען מדרש: „די תורה וואס גאט האט געגעבען די אידען, איז געוועזען פון חיים פייער און די שריפט שווארץ פייער, מיט א פייערדיגע חתימה און בעהעפט מיט פייער. און משה האט אבגעווישט די פעדער מיט'ן איבערגעבליבענעם טינט אין זיינע האר פון קאפ, וואס פון דעם האט ער בעקומען די שענע שטראהלען אויפ'ן פנים". איהר ראבינער וואלט געהאט פיעל עגמת נפש ווען איהר וואלט געזעהען ווי די גייסטליכע האבען געלאכט פון דעם מאמר וואס איז ווירקליך ווייט פון דעם מענשליכען פערשטאנד. אויך האבען זיי מיך אויפמערקזאם געמאכט, אז אין אייערע אידישע תורה וואס דער שמעון בן לקיש כאבט פון איהר בלויז פייער, ווערט גאר אין איהר נישט דערמאנט די גייסטיגע וועלט אויך נישט רעה גייסטיגער שכר און עונש אויף דעם עולם הנשמות, אין איהר געפינט מען מעהר נישט ווי א קערפערליכער לוין פאר די צדיקים און א קערפערליכע שטראף פאר די רשעים וואס זענען איהר נישט געהארכזאם, וואס די פילאזאפען האלטען נישט פון די קערפערליכע פערגעניגענס, און שרעקען זיך נישט פאר די קערפערליכע שמערצען, און ווען ס'גיבט נישט קיין גייסטיגער שכר פאר די צדיקים אויף די גייסטיגע וועלט און קיין גייסטיגער עונש דארט פאר די זינדיגע נשמות, ווערט מיט דעם מעהר פערשטארקט די אלטע פראגע פון די פרייזדענקער, פאר וואס גיבט אויף די וועלט גליקליכע רשעים און אומגליקליכע צדיקים. וואהרשיינליך ווייסט איהר גרויסער ראבינער אויף דעם א ריכטיגען ענטפער. מיט אכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די זעקסטע תשובה *

געעהרטער קארדינאל! איך האב שוין אין מיינע העברעאישע ספרים פיעל געשריבען איבער די אלטע שאלה, פאר וואס שטעהט נישט אין אונזערע הייליגע תורה קיין גייסטיגער שכר אויך קיין גייס-טיגער עונש פאר די נשמות פון די צדיקים און רשעים אויף יענע וועלט. אין די ריכטיגסטע תשובה אויף דעם איז, ווייל ס'איז קיין מינדעסטער ספק נישט, אז דעם הייליגען משה'ס תורה וואס זי איז געגעבען געווארען פון די הויכע הימלען, איז אויסצופיינערן זיך אויף די שטערבליכע וועלט, און צו שטרייטען מיט איהר נעגען דעם געפעהרליכען יצר-הרע וואס פערבלענדעט דעם מענשענס אויגען און פערפיהרט איהם אויף די שמוציגע וועגען. אבער פאר די גייסטיגע וועלט איז די תורה נישט געגעבען געווארען, ווייל דארט איז קיין פעהלער און קיין יצר-הרע נישט וואס מ'זאל זי געברויכען. און די גוטע הבטחות וואס די הייליגע תורה איז מבטיח די צדיקים, אויך די קללות וואס זי גיעט די רשעים וואס פערלאזען זי, זענען נישט אלס שכר און אלס עונש, נאר ווי א מעדיצין פאר א קראנקען גייסט, וואס היילט איהם אויס און גיעט איהם ארי'ת ימים, און דורך דעם ווערט אין די הייליגע תורה נישט דער-מאנט בפירוש דער עולם-הבא נאר בלויז עולם-הזה, גלייך ווי די תורה הקדושה לערנט דעם מענש, אז ער ברויך טהוען און היטען איהרע מצות פאר זיין תועלת וועגען, ווייל זיי ברענגען איהם צו א נארמאל לעבען און שטעלען איהם אויף א שטארקען גליקליכען באדען. און דער מענש וואס פערלאזט זיי, איז ווי דער אונגעוויסענדער קראנקער וואס שמייסט אוועק דעם ריכטיגען דאקטאר'ס רפואה און שטארבט מיט אונגעהויערע שמערצען.

אויסער דעם טעם קאן די הייליגע תורה נישט שרייבען פון עולם-הבא, און מבטיח זיין אז איהרע ערליכע אנהענגער וועלען האבען א גוטען שכר אויף יענע וועלט, ווייל מיט דעם ברענגט מען די מענשען צו דיענען דעם אייבערשטען על מנת לקבל פרס נישט ערענסט. נאר אזוי ווי דער קראנקער וואס ווערט דורך די מעדיצין געזונד, און דורך דעם וואס זיינע נערוועז ווערען נארמאל, קומט ער צו הויכע אידעאלען און עפענט מיט זיין שארפזיניגקייט די הימלישע אוצרות פון חכמה, ווייל ער ווערט נישט געשטערט דורך די קערפערליכע געשעהענישען, אזוי אויך

דער

דער מענש וואס זיין עקזיסטענץ אויף אונזערע וועלט ווערט זעהר גוט און זעהר גליקליך דורך די געזעצען פון די תורה, ווערט זיין קערפער פעהיג און זיינע געדאנקען ריין און שארף צו דערגעהן די ווארהייט פון השארת הנפש און די ווירקליכקייט פון די גייסטיגע וועלט פאר די זעלען ווען זייערע צייט איז געקומען צו פערלאזען זייער ערדישען קערפער, וואס דארט בעקומען די היילינגע נשמות א דבקות צום איבער־שטען און זעהען באספקלריא המאירה זיין גרויסקייט. און דאס זאגט רבי שמעון בן לקיש, אז די תורה איז פון ווייס און פון שווארץ פייער, דער מיינונג פון שווארצען פייער איז, אז די תורה איז מתקן דעם מענש אויף די וועלט און ברענגט איהם צו א גוטען נארמאלען בעשטאנד דורך זיין היטען איהרע היילבארע געזעצען. און דער מיינונג פון איהר ווייסען פייער איז, אז דורך איהר קומט דער מענשליכער גייסט צו דעם היילינגע דבקות צו דעם איבערשטען וואס רופט זיך (דברים ד׳ כ״ד. פ׳ ג׳) אש אכלה, א ברענענדיג פייער.

און דער מיינונג וואס רבי שמעון בן לקיש זאגט אז די תורה איז בעהעפט מיט פייער, איז, אז אויך די ערצעהלונגען וואס פערנעמען א גרויס ארט אין די היילינגע תורה וואס זיי זעהען אויסווענדיג אויס ווי אלע געוועהנליכע ערצעהלונגען, אין זיי זענען אויך בעהאלטען גרויסע הימלישע סודות, אזוי ווי דער היילינגער זהר שרייבט (בהעלותך קנ״ב ע״ב): ווי להההוא בר נש דאמר (וועה איז צו דעם מענש וואס זאגט) דהא אורייתא אתא לאחואה ספורין בעלמא ומלין דהדיוטא (אז די תורה קומט ווייזען וועלט־געשיכטען און געוועהנליכע ווערטער), דאי הכי אפילו בזמנא דא אנן יכלין למעבד אורייתא במלין דהדיוטא ובשבחא יתיר מכלהו (ווען אזוי קאנען מיר אפילו אין די היינטיגע צייט מאכען א תורה מיט געוועהנליכע זאכען וואס וועט נאך זיין בעסער פאר זיי אלע). אלא כל מלין דאורייתא מלין עלאין אינון ורזין עלאין (נאר אלע ווערטער פון די תורה זענען הימלישע ווערטער און הימלישע סודות). דאס איז די כונה פון רבי שמעון בן לקיש׳ס מליצה, אז משה האט דעם איבער־געבליבענעם טינט פון די פעדער אבגעווישט אין זיינע האר פון קאפ, דאס הייסט אז ער האט די סודות התורה נישט געוואלט שרייבען בפירוש מיט׳ן איבריגען טינט נאר ער האט דאס אריינגענומען אין זיין קאפ בע־האלטען מיט די האר און פון זיי האט מען מעהר נישט געזעהען ווי שטראהלען אויף זיין פנים, דאס הייסט בלויזע רמזים פון די היילינגע

סודות

סודות, ווײַל נישט יעדענס שכל איז רײַף מקבל צו זײַן די הייכע סודות וואָס זיי צווייַגען זיך פֿון דעם געטליכען שורש. מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די זיבעטע שאלה.

געעהרטער ראַבינער! די הײַנטיגע צײַטן גײַסטליכע האָבען מיר ערקלעהרט, אַז אײַער אידישער תלמוד איז פֿול מיט אזאלכע אונפֿער־שטענדליכע מאמרים וואָס ערלויבען זיך אַנצוהענגען אין די פֿערצײַטישע הײַליגע פֿעראָנען אַזאלכע זאכען וואָס זענען גענען רײַנעם פֿערשטאַנד אין האָבען קײַן אָרט נישט אין דער וועלט־געשיכטע, און אלס בעווײַז אויף זײַער קריטיק האָבען זיי מיר געוויזען וואָס דער תלמוד שרײַבט (מנחות מ״ג ע״ב): „חביבין ישראל (ווי געליעבט זענען די אידען) שסיבבן הקדוש ברוך הוא במצות (אַז גאָט האָט זיי אַרומגערינגעלט מיט מצות), תפילין בראשם (אויף זייער קאָפּ תפילין), ותפילין בזרועותיהם (און תפילין אויף זייערע אָרעמעס), ציצית בבגדיהם (אויף זייערע קלײַדער ציצית), מזוזות בפתחיהם (אויף זייערע טהירען מזוזות), ועליהם אמר דוד (און אויף זיי זאָגט דוד), שבע ביום הללתיך (זיבען מאָל אין טאָג לויב איך דיך) על משפטי צדקך (פֿאַר דײַנע רעכטיגע געזעטצען). ובשעה שנכנס דוד למרחץ (אין דער צײַט וואָס דוד איז אַרײַן אין באָד), וראה שעומד ערום (און האָט זיך געזעהען שטעהענדיג נאַקעט), אמר אוי לי שאני עומד ערום בלא מצות (האָט ער געזאָגט: וויעה איז מיר וואָס איך שטעה נאַקעט אָהן מצות) כיון שנזכר במילה שבבשרו (אַזוי ווי ער האָט זיך דערמאַנט אַז ער איז געמלה׳ט) נתישבה דעתו (איז ער בערוהיגט געוואָרען), לאחר שיצא (ווי ער איז אַרויס פֿון מרחץ), אמר עליו שירה (האָט ער אויף זיך געזאָגט שירה) שנאמר למנצח על השמינית מזמור לדוד (אַזוי ווי ס׳שטעהט: אַ געזאַנג אויף דעם אַכטעל אַ מזמור צו דוד׳ן), על המלה שנתנה בשמינית (אויף די מצות מילה וואָס איז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן אַכטען טאָג). רבי אלעזר בן יעקב אומר (רבי אלעזר בן יעקב זאָגט), כל שיש לו תפילין בראשו, (דער וואָס האָט תפילין אויף זײַן קאָפּ), ותפילין בזרועו, (און תפילין אויף זײַן אָרעם), וציצית בבגדו, (און ציצית אין זײַן קלײַד), ומזוזה בפתחו, (און אַ מזוזה אויף זײַן טהיר),

כובטח

מובטח שלא יחטא, (איז ער זיכער אז ער וועט נישט זינדיגען), שנאמר והחוט המשולש לא במהרה ינתק (אזוי ווי ס׳שטעהט: און דער געדריטעלטער פאדעם וועט נישט שנעל איבערגעריסען ווערען), ונאמר חנה מלאך ה׳ סביב ליראיו ויחלצם (און ס׳שטעהט: דער געטליכער מלאך רוהט ארום זיינע גאטספורכטיגע און רעטעט זיי)״.

אזוי גרויס ווי דער תלמודישער מאמר אזוי גרויס איז די צאהל פון די שאלות אויף איהם, און די גרעסטע שאלה איז ווי ערלויבען זיך דאס די תלמודיסטען צו טייטשען די פסוקים פון ביבל מיט אזאלכע פירושים וואס זיי געפינען זיך גארנישט אין זייערע ווערטער. ווער האט דאס די תלמודיסטען ערצעהלט די לעגענדע, אז דוד המלך האט דיזם געשפרעך געמאכט זייענדיג אין באד. מיר האבען דא אין אונזערע גרויסע ביבלאטעק די עלטערסטע שריפטען אויף דער וועלט, און מיר האבען אין זיי קיין מינדעסטען רמז פון די לעגענדע נישט געפונען. פיללייכט וועט אייך געעהרטער ראבינער געלונגען דעם תלמודישען מאמר אויך צו פערטיידיגען אזוי ווי איהר האט די פאריגע מאמרים זעהר ריכטיג פערטיידיגט. מיט אכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די זיבענטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! פריהער איז אונז נייטיג צו וויסען און צו פערשטעהן דעם אינהאלט פון די ביבלישע מצות און דערגעהן זייער ריכטיגען תכלית, חאטשע די סודות פון די מצות זענען זעהר טיעף בע־האלטען אונטער דעם שאטען פון די היילינגע אותיות, פונדעסטוועגען ברויכען מיר ווי ווייט אונזער שכל קאן משיג זיין נאכצוזוכען די סודות און צו ערפארשען די טעמים פון די מצות וואס טראגען אויף זיך די היילינגע חתימה פון דעם הימלישען מלכות. און די טעמים פון די דער־מאנטע מצות זענען לויט מיין מיינונג, דאס דער איבערשטער וויל דעם שטערבליכען מענש מזכה זיין, ער זאל זיין ארומגערינגעלט מיט די דריי מצות וואס דאס גאנצע מענשהייט איז אין זיי זעהר אבהענגיג. די תפילין זענען מצות וואס זענען פערבינדען אין מענשליכען קערפער אליין, אזוי ווייט אז ס׳טאר נישט זיין קיין מינדעסטע חציצה צווישען

זיי

זיי און צווישען דעם קערפער. די ציציות זענען שוין אנגעקניפט אין קלייד און זענען שוין אביסעל מעהר אבגעזונדערט פון מענשליכען קערפער ווי די חפילין, און די מזוזה אויף די טהיר איז נאך מעהר אבגעזאנדערט פון מענש פון די ערשטע מצות, און דורך דעם וואס דער מענש איז בעשיצט מיט די דריי מצות וואס מ'אגען אויף זיך א הויכען הימלישען אויפשריפט, קאן מען אויף איהם זאגען די מליצה פון כיבעל והחוט המשולש לא במהרה ינתק, דורך דעם געדריטעלטע פארעם ווערט דער מענש נישט אבגעריסען פון דעם הייליגען וועג דורך דעם יצר-הרע. דאס הייסט אז דורך זיין וויסען די הויכע כונות פון די דריי מצות ווערען זיינע געדאנקען אונגעהויער גייסטיג, און ער בעשיצט מעהר קיין חשק נישט צו די ערדישע תאוות זעהענדיג זייער נארישען צוועק. אזוי ווי דער תלמוד ערצעהלט (מנחות מ"ד ע"א) אז ס'איז געווען איינער וואס האט זעהר אבגעהיטען די ציציות, וואס האט געהערט אז אין וויטען נעגענד געפינט זיך זעהר א שענע זונה וואס נעמט פיערהונדערט גילדען אלס לוין, האט ער איהר אהין געשיקט פיערהונדערט גילדען און האט איהר בעשטימט א צייט ווען ער וועט צו איהר קומען. און ווי ס'איז געקומען די בעשטימטע צייט איז ער געקומען און האט זיך געזעצט אין דרויסען ביי איהר טהיר, און איהר דיענסט איז אריינגעגאנגען און איהר געמאלדען אז דער וואס האט איהר געשיקט די פיערהונדערט גילדען זיצט פאר די טהיר, האט זי איהם ערלויבט אריינצוגעהן. ווי ער איז אריינגעקומען האט זי פאר איהם פערשפרייט זיבען בעטען, זעקס זילבערנע און איינס א גאלדענס, און צווישען איין בעט אין צווייטען א זילבערנע לייטער אין די אייבערשטע א גאלדענע. זי איז ארויף אויף די אייבערשטע און האט זיך דארט אנידערגעזעצט נאקעט, און ער איז אויך ארויפגעגאנגען און האט זיך געוואלט אנידערזעצען נעגען איהר נאקעט, האבען איהם זיינע פיער ציציות א קלאפ געגעבען אויפ'ן פנים, האט ער זיך אראבגעלאזט און געזעצט אויף די ערד, האט זי זיך אויך צו איהם אראבגעלאזט און זיך געזעצט נעבען איהם אויף די ערד, און צו איהם געזאגט: איך שווער דיר אז איך וועל דיך נישט אבלאזען ביז דו וועסט מיר זאגען דעם פעהלער וואס דו האסט אין מיר דערזעהען. האט ער איהר געענטפערט: איך שווער דיר אז איך האב נאך נישט געזעהען אזא שענע פרוי ווי דו ביסט, נאר אונזער גאט האט אונז געגעבען איין מצוה וואס זי הייסט מיט'ן נאמען ציצית וואס ביי איהר שטעהט

שטעהם

שטעהט צוויי מאל געשריבען (במדבר ט"ו) אני ה' אלהיכם, איך בין דער גאט וואס איז פארבריים צו בעשטראפען די זינדיגע און איך בין דער גאט וואס איז פארבריים צו בעצאהלען די צדיקים זייער שכר, איצט שטעלען זיך די ציציות מיר פאר ווי פיער עדות. הערענדיג דעם פייער-דיגען ענטפער האט זי איהם געזאגט: איך וועל דיך נישט אבלאזען ביז דו וועסט מיר זאגען דיין נאמען, דיין שטאדט, דיין רבי'ן, און דאס בית-המדרש וואס דו האסט אין איהם געלערנט תורה. ער האט דאס אלעס אויפגעשריבען אויפ'ן פאפיער און האט עס איהר געגעבען. האט זי גע-נומען איהר פערמעגען און עס צוטיילט, א דריטעל דאס רעגירונג, א דריטעל ארעמעלייט, און א דריטעל האט זי מיט זיך גענומען אויסער די בעטען, און זי איז אריינגעגאנגען אין דעם בית-המדרש פון רבי חייא און צו איהם געזאגט: רבי! הייס מיך וועל איך מיך מגייר זיין. האט ער זי געפרעגט: טאכטער! אפשר האסט דו זיך פערליבט אין איינעם פון די תלמידים. זי האט ארויסגענומען דעם אויפשריפט און איהם געוויזען, האט ער איהר געענטפערט: געה און זיי זוכה אין דיין מקח, די בעטען וואס דו האסט איהם פערשפרייט באיסור זאלסט דו איהם פערשפרייטען בהיתר, דאס איז זיין שכר אויף די וועלט, און זיין שכר אויף יענע וועלט ווייס איך נישט וויפיעל. זעהען מיר פון דעם אז וויסענדיג די אינער-ליכע כונית פון די ציציות, ווערט מען ערוועטערט פון די ערדישע תאוות. און דאס איז דער מיינונג פון דעם וואס די הייליגע תלמודיסטען זאגען (שבת קנ"ג ע"א) אויפ'ן פסוק בכל עת יהיו בגדיך לבנים (יעדע צייט זאלען דיינע קליידער ווייס זיין), דאס איז די מצוה פון ציצית, ושמן על ראשך אל יחסר, דאס איז די מצוה פון תפילין. וואס דערמאנט עפעס דער פסוק גראדע די מצות פון ציצית און תפילין נישט די אנדערע זעקסהונדערט און עלף מצות, נאר די כונה פון דעם פסוק איז, דאס אין יעדע צייט זאלען דיינע קליידער זיין ווייס, דער קערפער וואס ער איז דאס קלייד פון די נשמה זאל זיין קלאהר נישט בעשמוצט מיט זינד. אזוי ווי רבי אליעזר זאגט דארט אין תלמוד: שוב יום אחד לפני מותך (איין טאג פאר דיין שטארבען זאלסט דו תשובה טהון), האבען איהם זיינע תלמידים אויף דעם געפרעגט צו ווייס דען דער מענש אין וועלכען טאג ער וועט שטארבען, האט ער זיי געענטפערט, אז טאקי דאדורך ברויך מען יעדען טאג תשובה טהוען פיליכט וועט ער מארגען שטארבען, און ער ברענגט אויף דעם דעם זעלבען פסוק בכל עת יהיו בגדיך לבנים וגו'

זגו׳. רבי יוחנן בן זכאי זאגט אויף דעם אמשל צו א קעניג וואס האט
צו זיך איינגעלאדענט זיינע הויזגעשטעלטע אויף א באל און האט זיי
נישט געזאגט די שעה ווען דער באל וועט זיך אנהייבען. די קלוגערע
פון זיי האבען זיך גלייך אנגעטהון די בעסטע קליידער און האבען גע-
ווארט פאר דעם קעניגליכען פאלאץ, טראכטענדיג אז ס׳פעהלט קיין זאך
נישט אין קעניגליכען הויף דאדורך קאן זיין אז דער באל וועט זיך גלייך
אנהייבען. אבער די נארישע פון זיי זענען דערווייל געגאנגען צו זייער
ארבייט טראכטענדיג אז זיי האבען נאך צייט זיך אנצוטהון ביז מ׳וועט
פארברייטען אלץ צום באל. פלוצלינג האט דער קעניג געגעבען א בע-
פעהל זיי זאלען קומען. די קלוגערע זענען אריינגעקומען אין פאלאץ
זעהר שען געקליידעט און דער קעניג האט זיי זעהר שען אויפגענומען.
און די נארישע זענען אריינגעקומען אין זייערע ארבייטסקליידער, און דעת
קעניג איז אויף זיי אין כעס געווארען און געזאגט, אז די שענגעקליידעטע
זאלען זיך זעצען צו זיין טיש, און די נישט שענגעקליידעטע זאלען פון
ווייטען שטעהן און צוקוקען.

און כדי די קליידער, דאס הייסט דער מענשליכער קערפער, זאל
ריין זיין פון די שמוציגע זינד האט דער אייבערשטער געגעבען, די מצוה
פון ציצית, וואס דורך דעם געדענקען דעם הייליגען טעם פון די מצוה
בעזיעגט דער מענש זיין יצר-הרע און ווערט דורך איהם נישט פערפיהרט
אויף די אונרייניגע ערטער, און דאס זאגט די הייליגע תורה: וראיתם
וזכרתם את כל מצות ה׳ (איהר זאלט זעהען און איהר זאלט געדענקען אלע
געטליכע מצות), ווייל די מצות זענען דורך די ארבייט פון גוף, אזוי ווי
דער פסוק זאגט כי נר מצוה ותורה אור, די מצוה ווערט געטהון דורך
דעם גוף וואס איז ווי א ליכט און די תורה איז דאס פייער פון די
מצוה, און אזוי ווי דער מענש זעהט די ציצית וואס געהען ארויס פון
קלייד וואס ס׳איז גלייך צום גוף וואס ער איז דער מלבוש פון די נשמה,
געדענקט ער דורך דעם די כונות און דעם טייערן תכלית פון אלע
געטליכע מצות, און צוליעב דעם רופען זיך די פערעם אן ציצית פון
לשון ציץ השדה (דאס שפראצונג פון פעלד), דאס הייסט א זאך וואס
בליהט פון די ערד, און דער ערדישער מענש פון זיינע קערפערליכע
גלידער בליהען די מצות, דאדורך זאגט דער פסוק וזכרתם את כל מצות
ה׳, איהר זאלט געדענקען אלע געטליכע מצות, ווייל אלע געטליכע
מצות ווערען געטהוהען דורך דעם קערפער, און ווען די נשמה פערלאזט

דעם

דעם קערפער איז זי שוין פרייא פון די מצות. און וועהענדינג ווי די ציציות שטייגען ארוים פון קלייד, ווערט ער זיך דערמאנען אז פון זיין קלייד, דאס הייסט פון זיין קערפער דאס קלייד פון די נשמה, זאל׳ע אויך ארויסשטייגען די גייסטיגע פעולות, דאס הייסט די געטליכע מצות.

און די תפילין ברענגען אז דער קאפ וואס ער איז דער צענטרום פון שכל זאל האבען א דבקות צום אייבערשטען. די תפילין של יד וואס איז נעבען הארץ וואס ליגט אין די לינקע זייט פון קערפער, אוו דארט רוהט דער נפש, וואס דורך די תפילין ווערט דער נפש בעהעפט צום אייבערשטען. און דורך ביידע תפילין קומט דער מענש וואס פער־שטעהט גוט די הייליגע אויפגעשריבענע פון זייערע פרשיות, צו א אמת׳ן השתלמות.

אויך אזוי איז טאקי דער ענין פון די מזוזה, וואס אויף איהר שטעהען אויפגעשריבען די ביידע פרשיות שמע והיה אם שמוע, וואס זיי ברענגען דעם מענש מקבל צו זיין אויף זיך דעם ריכטיגען עול מלכות שמים. און דער מענש וואס פערשטעהט אבצוהיטען די דריי מצות, קומט ארויף אויף זעהר א הויכע גייסטיגע מדרגה, און ווערט זעהר ווייט פון יעדע זינד. נאר ווען דער מענש קומט אויף אזא ארט וואס ער קאן נישט אבהיטען די דריי מצות ציצית תפילין און מזוזה. און אזא ארט קאן נאר זיין א מרחץ וואס דארט טאר נישט זיין קיין מזוזה, און ער געהט נאקעט אהן ציצית און אהן תפילין, דארט האט דער גייסטיגער מענש ווירקליך וואס צו שרעקען ער זאל נישט קומען צו נידריגע געדאנקען און שלעכטע הרהורים, איז אבער דארט דא צו דעם א סגולה, ער זאל אריינקלעהרען אין די הייליגע מצוה פון מילה, וואס איהר תכלית איז אויך צו בעזיעגען דעם יצר־הרע און ארויסרייסען זיין געוועהר פון זיין האנד (עי׳ נדרים ל״א ול״ב). און ער העננט דאס אן אין דוד המלך ווייל ער איז געבוירען געווארען בעמילה׳ט (סוטה י׳ ע״ב). און דאדורך האבען די תלמודיסטען מתקן געווען א תפלה פאר דעם אריינגעהן אין מרחץ (ברכות ס׳ ע״א), צו בעטען מ׳זאל אין מרחץ אבגעהיטען ווערען פון שלעכטע זינדיגע געדאנקען. מיט אכטונג

יהודא ליווא.

# די אבטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! די צעהן גייסטליכע וואס זענען ביים היניטינגען זיצונג געוועזען, האבען מיר ערקלעהרט, אז אין איערן פערהאנדלונגען תלמוד געפונען זיך אזאלכע לעגענדעס וואס אויך קליינע קינדער ערלויבען זיך פון זיי צו שפאסען, פערשטעהענדיג זייער ווייטקייט פון ווירקליכקייט. און אלס בעווייז אויף דעם האבען זיי מיר געוויזען דעם מאמר אין דעם תלמוד (פרק הנזקין) אז ס׳איז אריינגעקראכען א יתוש (א מיק) אין דעם מוח פון דעם רוימישען העלד טיטוס, און האט איהם זיבען יאהר געלעכערט. נאך זיין טויט האט מען איהם געעפענט דעם מוח. זאגט רבי אלעזר ברבי יוסי: איך בין געוועזען צווישען די הויכגעשטעלטע פון רוים, און ווי טיטוס איז געשטארבען האט מען צושפאלטען זיין מוח און מ׳האט אין איהם געפונען דעם יתוש גרויס ווי א שוואלב פון צוויי פונד. און די ברייתא זאגט ווי א יעהריגע טויב פון צוויי פונד. אביי זאגט אז דער יתוש האט געהאט א מויל פון קופער און נעגעל פון אייזען.

דאכט זיך געעהרטער ראבינער אז אין מענשליכען מוח געפינט זיך גארנישט אזוי א גרויס ארט אז א שוואלב אדער א טויב פון צוויי פונט זאל זיך קאנען דארט געפונען. איבער דעם געפינט זיך נישט אין די גאנצע זאאלאגיע א בעשעפעניש וואס האט א מויל פון קופער און נעגעל פון אייזען. אויך ווען אין מענשליכען מוח זאל זיך געפינען א לעבעדינער מיק וואלט ער אפילו צוויי טעג נישט געקאנט אויסהאלטען, ווי נאך זיבען יאהר און א צוויי־פונדיגער מיק מיט געוועהר פון אייזען און קופער. פיליכט וועט איהר ראבינער דעם מאמר אויך קאנען פערטיידיגען מיט א ריכטיגע תשובה, וואס זאל נישט זיין ווי א מיק אין אונזער מוח. מיט אכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די אבטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! ווען איינער שטארבט דורך א פערגיפטעס עסען, קאן מען זאגען אז א שלאנג האט איהם פערגיפטעס, האטשע

האטשע ער האט דעם שלאנג פאר זיינע אויגען נישט געזעהען, און דער שלאנג האט איהם אויך נישט פאר זיינע אויגען געזעהען, ווייל דער ניפט איז דער עיקר פון שלאנג און זיין גאנצער קראפט, יעדעם לעבעדיג בעשעפעניש האט זיין בעזאנדערן וועזען וואס דורך איהם איז ער וואס ער איז, און דער וועזען פון דעם מיק איז זיין קראפט אין מויל דורכצולעכערן יעדע זאך, אין דער וועזען פון דורכלעכערן איז אריין אין טיטוס'ענס מוח, דאס הייסט אז ער האט געקריגען א געהירענ=קראנקהייט גלייך א מיק איז דארט געזעסען און. זיין מוח געלעכערט, און דאס לעכערן האט איהם אזעלכע אונגעהויערע שמערצען פערשאפען גלייך דער מיק וואלט גרויס געוועזען ווי א צוויי־פונדיגער פויגעל מיט א קופערדיג מויל און אייזערנע נעגעל. און דער בלוטדורשטיגער טיטוס איז ווירקליך ווערט געוועזען אזוי א לאנגען ביטערן טויט, ווייל זיין טהיערישער אינסטינקט האט איהם ערלויבט צו זיין ווי א געפעהרליכער מיק אין אידישען מוח און חרוב מאכען דעם הייליגען בית המקדש, וואס קיין רשע אויף דער וועלט איז נישט געוועזען אזוי א שונא דעם אייבערשטען ווי דער מענשענפרעסער, האטשע נבוכדנצר הרשע האט אויך חרוב געמאכט אונזערם א בית המקדש, און אנגעזעטעט די ערד מיט אונשולדיג אידיש בלוט, פונדעסטוועגען איז ער נישט געוועזען אזוי א אכזר ווי טיטוס, ווייל נבוכדנצר האט דאס נאר געטהון אום נקמה וואס די אידען האבען אין איהם מורד געווען, אבער טיטוס האט דאס געטהון ווייל ער איז בטבע געווען א ווילדע בלוטדורשטיגע חיה, אזוי ווי די תלמודיסטען זאגען אויף איהם דעם פסוק ואמר אי אלהימו צור חסיו בו, אז טיטוס האט געלעסטערט דעם אייבערשטען, זאגענדיג: ווי איז די אידענס גאט, דער בעשעפער וואס זיי האבען זיך אין איהם בעשיצט. וואס מיט דעם געמיינהייט, איז ער פיעל ערגער געווען פאר אלע אויסגעלאסענע הערשער, וואס האבען מורד געווען אין אייבערשטען. און דאס וואס דער ספר יוסיפון שרייבט, אז טיטוס האט נישט מסכים געווען צו פערברענען דעם בית=המקדש, איז נישט זיין מיינונג געווען ווייל דער בית=המקדש איז ביי איהם הייליג און געשעצט, נאר ער האט איהם געוואלט איבערלאזען כדי ער זאל מיט איהם שפאסען און לאכען, אזוי ווי ער דאט זיך געפיהרט מיט אלע אידישע הייליגע זאכען און האט זיי שרעקליך מבזה געווען, דארורך איז שוין אין הימעל ליעבער געווען ער זאל פערברענט ווערען. און אזוי ווי זיין רשעות איז איהם געקומען פון זיין

פערדארבענעם

פערדאַרבענעם מוח, איז ער אין מוח געשטראָפט געוואָרען. און כדי ניעדעריג צו מאַכען זיין שטאָלץ, איז ער נישט געשטראָפט געוואָרען דורך א וויכטיגע זאַך ווי דורך דעם פייער אָדער וואַסער, נאָר דורך דעם קלענסטען בעשעפעניש, דורך א קליינעם מיק, אזוי ווי די תלמודיסטען זאָגען אז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען שפּעטער פאַר אלע בעשעפענישען, אז ווען ער ווערט זיך גרוים האַלטען זאָל מען איהם קאָנען פאָרווירפען אז דער מיק איז פריהער פאַר איהם בעשאַפען געוואָרען. אויך דאָס וואָס די תלמודיסטען זאָגען: ווען ס'זאָלען זיך פערזאַמלען אַלע וועלט־פילאָזאָפען וועלען זיי נישט קאָנען לעבעדיג מאַכען א מיק. ווייל דער מיק ווערט אין תלמוד בענוצט אויף די נידערינגסטע זאַך. און די אידישע שונאים זאָלען נישט זאָגען אז טיטוס איז גרעסער געווען פאַר די אידען און ברענגען א בעווייז אויף דעם דאָס וואָס ער האָט זיי בעזיעגט, איז ער דורך דעם קלענסטען בעשעפעניש בעזיעגט געוואָרען און זיי לעבען מיט שאַנדע פערלוירען, אזוי ווי דער ביבעל זאָגט (שמות כ״ג כ״ח) ושלחתי את הצרעה לפניך וגרשה את החוי את הכנעני ואת החתי מלפניך (איך וועל שיקען די פליעג פאַר דיר און זי וועט פאַר דיר פערטרייבען די פעלקער). אויך דער פסוק (דברים ז׳ כ׳) וגם את הצרעה ישלח ה׳ אלהיך בם עד אבד הנשארים והנסתרים מפניך. (אויך די פליעג וועט דיין גאָט שיקען צו זיי ביז ס'וועלען פערלוירען ווערען די איבערגעבליבענע און די וואָס בעהאַלטען זיך פאַר דיר). אויך האָט יהושע בן נון געזאָגט צו די אידען מיט גאָטס נאָמען (יהושע כ״ד י״ב) ואשלח לפניכם את הצרעה ותגרש אותם מפניכם שני מלכי האמורי לא בחרבך ולא בקשתך. (איך וועל פאַר אייך שיקען די פליעג און זי וועט פאַר אייך פערטרייבען די צוויי מלכים פון אמורי און דו וועסט נישט ברויכען בענוצען דיין שווערד און דיין בויגען). און דער נביא ישעיה זאָגט אויך (ישעיה ז׳ י״ח) והיה ביום ההוא ישרק ה׳ לזבוב אשר בקצה יאורי מצרים ולדבורה אשר בארץ אשור. (גאָט וועט אין דעם בעשטימטען טאָג רופען צו די פליעג וואָס איז אין עק עגיפּטישען טייכען און צו די בינען פון אשור). וואָס דער ריכטיגער מיינונג איז מיט דעם ניעדעריג צו מאַכען דעם שטאָלץ פון די גרויזאַמע העלדען, און זיי ווייזען זייער קליינעם בעטרעף אויף דער וועלט. וואָס דער וואָרם צייגט אויף נידעריגקייט, אזוי ווי דוד המלך זאָגט (תהלים כ״ב ז׳) ואנכי תולעת ולא איש (איך בין א וואָרם נישט קיין מענש). דאַדורך

אין

איז טיטוס'ענס נאות אויף ערניעדערט געווארען דורך דעם קליינעם ווארם. מיט אכטונג

יהודא ליווא.

---

# די ניינטע שאלה.

אידישער ראבינער! די היינטיגע צעהן גייסטליכע האבען מיר ערקלעהרט אז זייערע הייליגע תלמודיסטען זענען געוועזען זעהר שרעקליכע אכזרים אויף די וואס זענען נישט געווען פון זייער אנהענגער, און צו ליעב דעם האבען זיי זייער בלוט ביליגער געשאצט פון וואסער. און א ריכטיגען בעווייז אויף דעם האבען זיי מיר געוויזען וואס דער תלמוד ערלויבט זיך צו שרייבען (פסחים מ״ט ע״ב), אז דעם עם-הארץ מעג מען ערמארדען אין יום כפור וואס געפאלט אין שבת. דער גרויזאמער געזעץ האט מיך שרעקליך אויפגערעגט און געשאצט זידען מיין בלוט אין מיינע אדערען. וואס איז דער עם-הארץ שולדיג ווען ער בעזיצט נאך קיין בילדונג נישט דורך פערשיעדענע אורזאכען דאס מ'מעג אפילו אין א עד הייליגען יום כפור יוען ער קומט אוים אין אייער הייליגען שבת זיין בלוט פערגיסען, נאך ערגער פון די מינדעסטע בהמה וואס איהר אידען טוען זי לאזען רודען אין די הייליגע טעג. מיט דעם וואס אונזערע גייסטליכע האבען מיר געוויזען דעם גרויזאמען געזעץ האבען זיי אין מיר בענומט דעם חשד אז איהר אידען טהוט ווירקליך אריין מענשענבלוט אין אייערע פסח'דיגע מצות, ווייל אויף די מענשען וואס זייער רעליגיע ערלויבט זיי צו ערמארדען אין יום כפור אונגעלערנטע מענשען, איז זעהר לייכט צו גלייבען אז זייער רעליגיע הייסט זיי אין פסח עסען בלוט פון די פרעמדע נאציאנען. אייער גאנץ פערטהיידיגונג געגען דעם בלוט אין די מצות איז נאר וואס איהר האלט שטענדיג ביי אייך שרייען ביי אייך ליארמען אז אייערע אמונה איז געשטעלט אויף בלויז רחמנות און ווייט פון יעדען גרויזאמקייט, צום סוף ווייזט מיר דער תלמודישער געזעץ אז ס'קאן נישט געבען גרויזאמער ווי די אידישע אמונה איז. איך צייכען מיך מיט פערדרוס

קארדינאל יאהן

---

וגו׳

# די ניינטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! אין אייערן לעצטען בריעף זעה איך ווי שרעקליך אייער פיידריגען צארן איז פלוצלונג געווארען אויף מיין אידיש פאלק דורך דעם תלמודישען געזעטץ, אז איהר שרייבט מיר נישט מעהר ווי אין די אכט פאריגע בריעף געעהרטער ראבינער, אויך צייכענט איהר אייך נישט מיט אכטונג. נייז געעהרטער קארדינאל! איך האף אז אייער אומזאנסטער צארן וועט גלייך פערלאשען ווערען לעזענדיג מיין ערקלעהרונג אז דער תלמודישער געזעץ נעגען עם־הארץ איז אויס־ווענדיג ווי גרויזאם אבער אינווענדיג איז ער פול מיט א פילאזאפיש רחמנות צו די גאנצע מענשהייט. נאר איידער איך נעה דעם געזעטץ פערטיידיגען וועל איך דעם גאנצען תלמודישען מאמר איבערזעצען פאר אייך בוכשטעבליך פון זיין אנפאנגם ביז זיין ענדע, נישט ווי אייערע גייסטליכע האבען אייך געוויזען נישט מעהר ווי איין קליינעם גליעד פון איהם, און אזוי איז ער געשריבען דארט אין תלמוד: רבי אומר (רבי זאגט) עם הארץ אסור לאכול בשר (א עם־הארץ איז פערוועהרט צו עסען פלייש)... אמר רבי אלעזר (זאגט רבי אלעזר) עם הארץ מותר לנוחרו ביום הכפורים שחל להיות בשבת (מ׳מעג א עם־הארץ ערשטעכען אין יום כפור וואס געפאלט אין שבת), אמרו לו תלמידיו (האבען צו איהם זיינע תלמידים געזאגט) רבי! אמור לשוחטו (זאג אז מ׳מעג איהם קוילען). אמר להן (האט ער זיי געענטפערט) זה טעון ברכה וזה אינו טעון ברכה (דאס קוילען ברויכט האבען א ברכה אבער דאס ערשטעכען ברויכט קיין ברכה נישט). אמר רבי אלעזר (רבי אלעזר זאגט) עם־הארץ אסור להתליות עמו בדרך (מ׳טאר נישט קיין עם־הארץ בעגלייטען אין וועג)... על חייו לא חס על חיי חבירו לא כל שכן (ווען ער האט קיין חס נישט אויף זיין לעבען האט ער אויפ׳ן צווייטענס לעבען א וודאי קיין חס נישט. אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יוחנן (רבי שמואל בר נחמני זאגט פאר רבי יוחנן) עם־הארץ מותר לקורעו כדג (מ׳מעג א עם־הארץ צורייסען ווי א פיש), אמר רבי שמואל בר יצחק ומגבו (זאגט רבי שמואל בר יצחק פון רוקען אן כדי ער זאל מעהר נישט קאנען לעבען), תניא (מיר האבען געלערנט) אמר רבי עקיבא (רבי עקיבא זאגט) כשהייתי עם־הארץ אמרתי (ווען איך בין געוועזען א עם־הארץ האב איך געזאגט) מי יתן לי ת״ח חכם ואנשכנו כחמור (ווער גיעט מיר א תלמיד חכם

וועל

וועל איך איהם צוביַיסען ווי א וועלף). אמרו לו תלמידיו (האָבען איהם זיַינע תלמידים געזאָגט) רבי! אמור ככלב (זאָג ווי א הונד), אמר להן (האָט ער זיי געענטפֿערט, זה נושך ושובר עצם וזה נושך ואינו שובר עצם (דאָס וועלף צוברעכט דעם ביין מיט זיַין ביס און דער הונד צו־ברעכט נישט דעם ביין מיט זיַין ביס)״.

אין דעם שטרענגען רעקרעט אויף די עמי־הארצים האָבען גענומען א אנטהיַיל די תלמודיסטען: רבי, דאָס איז רבי יהודה הנשיא. רב אלעזר. רבי שמואל בר נחמני. רבי יוחנן. רבי שמואל בר יצחק און רבי עקיבא. רבי יהודה הנשיא איז געוועזען אַזוי א אונגעהויערער בעל רחמנות, דאָס ער האָט געגלויבט אז ער איז געשטראָפט געוואָרען מיט דריַיצעהן יאָהר ציינשמערצען וויַיל ער האָט געזאָגט צום קאַלב אז עס איז צום קוילען בעשאַפֿען געוואָרען (ב״מ פ״ה ע״א. ב״ר פל״ג סי׳ ג׳). רבי אלעזר׳ס רחמנות זעהט מען פֿון דעם וואָס ער האָט זיך געקווענקעלט מתיר צו זיַין די פֿרוי צו איהר מאַן (נדה כ׳ ע״ב, ועי׳ במהרש״א). דאָס רחמנות פֿון רבי שמואל בר נחמני זעהט מען אין דעם הונגער וואָס איז אין זיַין ציַיט געוועזען (תענית ח׳ ע״ב). דאָס רחמנות פֿון רבי יוחנן זעהט מען מיט זיַין זיצען ביַי די שערי טבילה די פֿרויען זאָלען זיך אויף איהם פֿערקוקען און האָבען שענע קינדער ווי ער (ברכות כ׳ ע״א). אויך מיט זיַין געהן מנחם זיַין די אבלים מיט׳ן צעהן פֿון זיין צעהנטען געשטאָרבענעם זוהן (מגלת סתרים למר נסים גאון), און מיט זיַין געבען דעם קנעכט פֿון די זעלבע עסענס וואָס ער האָט געגעסען (ירושלמי פרק החובל הלכה ה׳). דאָס ליעבשאַפֿט פֿון רבי שמואל בר יצחק צו מענשען זעהט מען אין זיַין טאַנצען פֿאַר די כלות און משמח זיַין זיי אויף זייערע חתונות (כתובות י״ז ע״א) און דאָס גוטקייט פֿון רבי עקיבא זעהט מען אין זיַין ליעבען אויך די וואָס ער איז דורך זיי גע־שלאָגען געוואָרען (ערכין ט״ז ע״ב). און שלאָפֿענדיג אין שטאַל אויף א ביסעל שטרוי האָט ער עס אויך אָוועקגעגעבען פֿאַר א אָרעמע יולדת (נדרים נ׳ ע״א). און אפילו אויף א רוצח האָט ער אויך געהאַט רחמנות (מכות ז׳ ע״ב). און ער האָט געזאָגט אַז דער צער פֿון מענש איז דער צער פֿון אייבערשטען (ספרי בהעלותך פיסקא פ״ד). אויך האָט ער געהאַט רחמנות אויף אַלע בעשעפֿענישען (תנחומא נח סי׳ ט׳), פֿון װאַלכע ערבאַרמדיגע מענשען קאָן נישט אַרויסגעהן אַזוי א געזעץ געוועזען

די עמי־הארצים ווען אין דעם זאל נישט זיין א רחמנות און גרויסע נוטצען פאר די מענשהייט.

דער תלמודישער געזעץ וואס האט אייך געעהרטער קארדינאל אזוי אויפגערעגט, איז נאר ארויסגעגעבען געווארען אויף די געפעהרליכע מענשען וואס האבען קיין תורה נישט און זיי בעזיצען וועדער א ווילדע טהיערישען אינסטינקט דאס זיי לאקערן ווי עזולען צו בייסען די געלערנטע מענשען און צוברעכען זייערע ביינער, אזוי ווי דער זעלבער רבי עקיבא האט געהאט פון זיך אליין די פראקטיק ווען ער איז נאך געוועזען א עם־הארץ. אויך זענען די פערצייטישע עמי־הארצים נישט געוועזען צום אויסבעסערן זיך און וואס זיי זענען עלטער געווארען זענען זיי נאך געפעהרליכער געווארען פאר די מענשהייט (שבת קנ״ב ע״ב). און ווען מ׳פאהרט מיט א עם־הארץ אונטער וועגען קאן מען דורך איהם וועהר לייכט ערמארדעט ווערען, ווייל ער האט אויף זיין איינענעם לעבען אויך קיין חס נישט א כל שכן אויפ׳ן צווייטענס לעבען. אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי י״ז י״ב) פגוש דב שכול באיש ואל כסיל באולתו (ס׳איז ליעבער זיך צו טרעפען מיט א ווילדען בער ווי מיט א פערביסענעם עם־הארץ). קוקט ריכטיג אוים אז דאס לעבען פון אזוי א עם־הארץ איז א טויט פאר די מענשהייט. אויך מיט דעם פערפאלגען די געפעהרליכע עמי־הארצים זעהען זייערע קינדער צו ווערען געלערנטע מענשען כדי מ׳זאל זיי אויך נישט פע־פאלגען ווי זייערע עלטערען, אזוי ווי די תלמודיסטען זאגען (סנהדרין צ״ו ע״א) הזהרו בבני עם־הארץ שמהם תצא תורה (זייט פארזיכטיג מיט די קינדער פון די עמי־הארצים, ווייל פון זיי ענטוויקעלט זיך די תורה). קוקט וועהר ריכטיג אוים, אז די שטרענגע געזעצען נעגען די גרויזאמע עמי־הארצים, פערגרעסערן נאך דאס מענשליכע רחמנות אויף דער וועלט, און פערשטארקערן דעם עקזיסטענץ פון רעליגיע און בילדונג. מיט אכטונג

יהודה ליווא

---

# די צעהנטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! פערצייהט מיר וואס איך האב אייך אין מיין ניינטען בריעף קיין כבוד אבגעגעבען, ווייל אונזערע גייסטליכע האבען אין מיר

מיר וועהר א פייערדיגען צארן. אנגעצינדען אויף איערע תלמודיסטען דורך דעם שרעקליכען אורטהייל וואס זיי האבען ארויסגעגעבען אויף די עמי-הארצים, נאר אזוי ווי איהר ראבינער האט דעם אורטהייל וועהר ריכטיג פערטהיידיגט, און מיין צארן איז געגצליך פערלאשען געווארען, בעט איך אייך פערצייהונג. און איך מעלדע אייך געעהרטער ראבינער דאס די היינטיגע צעהן גייסטליכע האבען אויך וועהר שרעקליך קריטיקירט איערע הייליגע תלמודיסטען מיט דעם וואס זיי ערלויבען זיך צו פערקערפערן גאט מיט זייערע פאנטאזיעס, און א בעוויז אויף דעם האבען זיי מיר געצייגט דעם תלמודישען מאמר (ראש השנה י"ז ע"ב) „ויעבור ה' על פניו ויקרא (שמות ל"ד ו'), גאט איז דורכגעגאנגען אויפ'ן פנים און גערופען. אמר רבי יוחנן (זאגט רבי יוחנן), אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאמרו (ווען ניט דעם געשריבענעם פסוק איז אונמעגליך דאס צו זאגען), מלמד (דער פסוק לערנט) שנתעטף הקדוש ברוך הוא כשליח צבור (אז דער אייבערשטער האט זיך איינגעהילט ווי א חזן), ואמר למשה (און האט משה'ן געזאגט), כל זמן שישראל חוטאים לפני (כל זמן די אידען זינדיגען פאר מיר), יעשו לפני כסדר הזה (זאלען זיי פאר מיר מאכען ווי דער ארדנונג), ואני מוחל להם (וועל איך זיי מוחל זיין)".

קאן דאס ווירקליך דער ריינער פערשטאנד בעגרייפען דאס דער גרויסער אלמעכטיגער גאט וואס ער איז קיין קערפערליכער עלעמענט ניט און האט אויך קיין גרענעץ ניט, זאל זיך איינהילען ווי א חזן און משה'ן ווייזען ווי אזוי די אידען זאלען פאר איהם בעטען, וואס איינס פון די דרייצעהן עקרים וואס איערע אידישע אמונה איז אויף זיי גע-גרינדעט, איז ניט צו פערקערפערן דעם אייבערשטען און ניט אנ-העגנען אין איהם מענשליכע געפיהלען. און וואס קאן שוין זיין מעהר פערקערפערט זיין גאטהייט ווי דער מאמר איז. איך צווייפעל ניט אז איערע תלמודיסטען האבען אויך אין דעם מאמר בעהאלטען וועהר א הויכען געדאנק וואס ער איז זיכער בעוויסט צו אזוי א גרויסען ראבינער ווי איהר זענט, און וואהרשיינליך וועט איהר מיר אויך דעם געדאנק ערקלעהרען מיט אכטונג

## קארדינאל יאהן

# די צעהנטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! אלע מײַנע הערצליכע קאמערען זענען פול מיט פרײַד וואס איך האב אײַך שוין געבערענגט צו דעם, דאס איהר זענט מיר שוין שריפטליך מודה אז די תלמודישע מאמרים בעזיצען הויכע בעהאלטענע געדאנקען, און נישט זײַערע אויסווענדיגע שאל איז זײַערע ריכטיגע פרוכט. אויך אין דעם איצטיגען תלמודישען מאמר ליגט טיעף בעהאלטען זעהר א הויכען געדאנק, וואס דער מענשליכער פערשטאנד ווערט דורך זײַנע ערדישע געפיהלען געשטערט צו ערפארשען איהם גרונדליך, נאר ווי ווײַט מײַן פערשטאנד גרײַכט וועל איך די טיעפקײַט פון דעם געדאנק ענטדעקען.

מיר בהיכלען אנפאנגס דערגעהן די אורזאכע וואס האט דעם הײַליגען רבי יוחנן געצווינגען אזוי צו בעשײַדען דעם פסוק ויעבור ה׳ על פניו ויקרא, ווײַל ס׳שטעהט וקראתי בשם ה׳ לפניך (איך וועל פאר דיר רופען מיט גאטס נאהמען), אויך ויעבור ה׳ על פניו ויקרא (גאט איז דורכגעגאנגען אויפ׳ן פנים און גערופען), וואס לויט דעם געזעץ פון די שפראך האט געברויכט צו שטעהן וכן תקראו לפני (און איהר זאלט פאר מיר אויך אזוי רופען), דאדורך מוז מען טײַטשען דעם ויקרא, אז דער אײַבערשטער האט גערופען און ער האט אלײַן געזאגט די תפלה ה׳ ה׳ אל רחום וחנון וגו׳, דאס הײַסט ער האט משה׳ן געזאגט דעם נוסח ווי אזוי ער און זײַן פאלק זאלען פאר איהם מתפלל זײַן. אויך האט נישט געברויכט שטעהן ויעבור ה׳ על פניו (גאט איז פאר איהם דורכגעגאנגען אויפ׳ן פנים), נאר וילמדהו ה׳ לקרוא כה לפניו (דער אײַבערשטער האט איהם געלערנט צו רופען אזוי פאר איהם), דאדורך לאזט זיך דער פסוק ויעבור ה׳ על פניו טײַטשען, אז דער אײַבערשטער האט פאר משה׳ן פארגעשטעלט א געטליך בילד אײַנגעהילט ווי א חזן אז די אידען זאל איהם דאס זעלבע נאכטהוען. איז דאך צוריק צו פרעגען פאר וואס האט ער נישט משה׳ן בלויז געזאגט ווי אזוי מ׳ברויכט זײַן אײַנגעהילט בײַ די תפלה, אזוי ווי ער האט איהם געזאגט נישט געוויזען ווי אזוי די כהנים זאלען געהן געקלײַדעט אין דעם הײַליגען משכן, און משה וואלט שוין אלײַן פערשטאנען אהן דעם געטליכען בילד ווי אזוי דאס ברויך געשעהען. נאר אין אמת איז דאס קײַן קשיא נישט, ווײַל דאס בילד האט זיך משה אלײַן פארגעשטעלט דורך דעם אײַבערשטענס

ווערטער

ווערטער, ווײַל משה האָט איהם געבעטען הראיני נא את כבודך (ווײַז מיר דײַן אָריגינעלען כבוד), האָט ער איהם אויף דעם געענטפערט לא תוכל לראות את פני כי לא יראני האדם וחי (דו קאָנסט נישט זעהען מײַן אָריגינאל ווײַל דער מענשליכער קערפער קאָן מיך נישט זעהען און זײַן נשמה זאָל זיך נאָכדעם אין איהם דערהאַלטען), אני אעביר כל טובי על פניך וקראתי בשם ה׳ לפניך (איך וועל פאַר דיר דורכפיהרען מײַן רײַכטהום און איך וועל רופען מײַן געטליכען נאָהמען). דאָס הײַסט אַז דעם געטליכען וועזען אלײַן קאָן דער גשמ׳דיגער מענש נישט זעהען, נאָר דער הײליגער משה וועט האָבען דבקות אין אײבערשטענס אייגענשאַפטען, און ווען דער מענש האָט אַ ערנסט דבקות אין הימעל דאַמאָלס האָט די גאָטהײַט אַ דבקות אין דעם מענשענס נשמה, און דאָס איז דער טײַטש וראית את אחורי ופני לא יראו (דו וועסט זעהען מיך ריקווערטס אָבער נישט אין געגענוואַרט), און ווען דער אײבערשטער דערנעהנטערט זיך צום מענש אַזוי ווי דער מענש דערנעהנט זיך צום אײבערשטען, און דער מענש פערטיעפט זיך אין זײַן תפלה און לאָזט נישט זײַנע געדאַנקען אַבטרעטען אײַן האָר פון הימעל, דאַמאָלס געפינט זיך דער אײבערשטער אין דעם מענשענס שאָטען און ס׳איז גלײַך ער זעהט איהם בחוש. אין אַזוי ווי דער חזן הילט זיך אײַן אין טלית כדי ער זאָל זיך נישט קאָנען אומקוקען אין די זײַטען און זײַן פערטיעפט נאָר אין זײַן תפלה, דאָס הײַסט אַז יעדער מענש וואָס וויל אַז זײַן געבעט זאָל נושא פרי זײַן און אָנגענומען ווערען אין הימעל, זאָל ער זעהען אַז זײַנע אַלע חושים זאָלען זײַן בעגרײַנצט אין די גאָטהײַט, און גענצליך פערטיעפט מיט אַלע זײַנע געדאַנקען אין דעם הײליגקײַט פון דעם געבעט, גלײַך זײַן גאַנצער קערפער איז אײַנגעהילט אין אַ טלית, און ס׳לאָזט איהם נישט קײַן טראַכט געבען אין זײַטיגע זאַכען, דאַדורך ווערט בענוצט דאָס וואָרט אײַנהילען אויף ערנסטע געדאַנקען, אַזוי ווי דוד המלך עליו השלום זאָגט (תהלים ק״ב א׳) תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה׳ ישפך שיחו (אַ תפלה פאַר׳ן אָרעמאַן ווען ער ווערט אײַנגעהילט און פערגיסט פאַר גאָט זײַן שמועס). אויך (שם ק״ז ד׳): נפשם בהם תתעטף ויצעקו אל ה׳ בצר להם ממצוקותיהם יצילם (זײער זעעלע ווערט אין זײ אײַנגעהילט, זײ האָבען געשריגען צו גאָט, ער זאָל זײ רעטען פון זײערע אומגליקען). ווײַל די גוים ברענגט דעם אָרעמאַן, ער זאָל זײַן בײַ זײַן געבעט צו גאָט ווי אײַנגעהילט, און נישט זעהען קײַן אַנדערן געדאַנק אויסער די גאָטהײַט.

אין

און אַזוי ווי דער מענש איז בײַ זײַן תפלה איבערגעגעבען צו גאָט ברוך הוא, איז גאָט אויך איבערגעגעבען צו איהם גלײַך ער כביכול איז אויך ווי אײַנגעהילט אין אַ טלית, און זעהט נישט די מלאכים וואָס ווילען מקטרג זײַן אויף דעם מענש, און ער איז איהם מוחל זײַן זינד.

און דער זעלבער רבי יוחנן וואָס האָט דעם מאמר געזאָגט, איז אויך אַלײן געווען זעהר אַ גײַסטיגער מענש, דאַדורך ווען ער איז קראַנק געווען און האָט אין ווינטער נישט געקאָנט לײגען די תפילין אויף זײַן קאָפּ (ירושלמי ברכות פרק היה קורא), האָט ער נישט געוואָלט אָנטהון די תפילין אויף זײַן מיץ אָדער אויף אַ טוך, ווײַל ס׳זאָל נישט זײַן קײן חציצה צווישען זײַן קאָפּ און צווישען די הײליגע תפילין (תשובות הרא״ש כלל ג׳ ח״ד), דאָס הײסט אַז דער גוף מוז האָבען אַ אמת דבקות אין דער קדושה אָהן די מינדעסטע חציצה, דאַדורך האָט אויף איהם אײנער פון די גרעסטע תלמודיסטען געזאָגט (שבת קי״ב ע״ב) אַז ער איז נישט קײן מענש נאָר אַ מלאך, ווײַל זײַן דבקות צום הימעל איז געווען אומ־נאַטורליך, דאָס אין די אַכצעהן טעג וואָס ער איז ערצוינגען געוואָרען בײַ רבי אושעיא, האָט ער דורכגעלערנט דאָס הארץ און די געדאַנקען פון רבי אושעיא׳ס צוועלף תלמידים. אויך ערצעהלט דער תלמוד אויף דעם הײליגען רבי יוחנן (יומא פ״ב ע״ב), אַז ווען זײַן מוטער איז מיט איהם געווען מעוברת האָט איהר אָנגעשמעקט עפּעס אַ עסען, האָט רבי יהודה הנשיא געהײסען איהר אײַנרוימען אַז ס׳איז יום כפור, און ווי מ׳האָט איהר דאָס אײַנגערוימט, האָט זיך גלײַך דאָס קינד אין איהר בערוהיגט, און רבי יהודה הנשיא האָט אויף דעם קינד געזאָגט דעם פּסוק (ירמיה א׳ ה׳) בטרם אצרך בבטן ידעתיך ובטרם תצא מרחם הקדשתיך. (אײדער איך האָב דיך אין בויך בעשאַפען, האָב איך דיך דערקאָנט, און אײדער דו געהסט אַרויס פון מוטערלײַב, האָב איך דיך פערהײליגט), און דאָס קינד איז געווען דער זעלבער רבי יוחנן, וואָס אײַערע גײַסטליכע האָבען איהם אַזוי שלעכט קריטיקירט. מיט אַכטונג

יהודא ליוואַ.

---

# די עלפטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! איינער פון די היינטיגע צעהן גייסטליכע האט מיר ערקלעהרט, אז אייערע פערהייליגטע תלמודיסטען האבען ארויפגעבראכט אויפ'ן פאפיער אזאלכע מאמרים וואס מיט זייער פער טיידיגען דו זינד פון די צדיקים, ערניעדערן זיי זעהר דאס הייליקייט פון אייבערשטען, און אלס בעווייז האט ער מיר געוויזען וואס אייער תלמוד שרייבט (עבודה זרה ד' ע"ב): „ואמר רבי יהושע בן לוי (נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט), לא עשו ישראל את העגל (די אידען האבען נישט געמאכט דעם עגל), אלא ליתן פתחון פה לבעלי תשובה (נאר כדי צו געבען א דרייסטיגקייט צו די זינדיגע תשובה צו טהון), שנאמר (דברים ה' כ"ו) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי ולשמור את כל מצותיו כל הימים (הלואי אז דאס דאזיגע הארץ זייערס זאלען זיי בעזיצען צו שרעקען פאר מיר און שטענדיג אבצוהיטען מיינע געזעצען). והיינו דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי (און דאס איז דאס זעלבע וואס רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי), לא דוד ראוי לאותו מעשה (נישט דוד איז ראוי געוועזען צו די מעשה פון בת־שבע), ולא ישראל ראוין לאותו מעשה (און נישט די אידען זענען ראוי געוועזען צו די מעשה פון עגל). לא דוד ראוי לאותו מעשה (נישט דוד איז ראוי געוועזען צו די מעשה פון בת־שבע), דכתיב (אזוי ווי ער שרייבט אין תהלים ק"ט) ולבי חלל בקרבי, (מיין הארץ איז אין מיר ווי א געשטארבענער אהן תאוות). ולא ישראל ראוין לאותו מעשה (און נישט די אידען זענען ראוי געוועזען צו די מעשה פון עגל) דכתיב (אזוי ווי די תורה איז אויף זיי מעיד) והיה לבבם זה להם וגו' (אז זיי בעזיצען א גאטספארכטיג הארץ) כו'.

זאגט הער ראבינער אליין אויב דער רייגער שכל קאן מסכים זיין צו דעם מאמר. ווען דוד המלך אויך די פערציייטישע אידען זענען ווירקליך געוועזען צדיקים און וויים פון די שרעקליכע זינד, זאל זיי גאר גאט אליין ברענגען זיי צו טהון געגען זייער ווילען, וואס דוד המלך זאגט אליין פערקערט (תהלים צ"ז י') שומר נפשות חסידיו (גאט היט די זעעלען פון זיינע פרומע). אויך ווען די פערציייטישע אידען אויך דוד המלך זענען געצווינגען געוועזען צו טהון די זינד, אלס לעהרע פאר די וועלט, אז די תשובה מעקט אב די גרעסטע און הארבסטע זינד, פאר

ווָאס

גאָם ווידער זענען די אידען אויך דוד המלך געשטראָפט געוואָרען פאַר די זינד, און די הימלען האָבען גענען זיי זעהר שרעקליך געשטראָפט.

פיס נולטזנג

## קארדינאל יאהן

---

# די עלפטע תשובה.

געעהרטער קאַרדינאַל! איהר ברויכט וויסען אז די וועלכע תלמודיס־טען שרייבען אויך פיעל מאל אין זייערע פערשיעדענע ספרים, אז דער אייבערשטער העלפט נאך צו די צדיקים און גיעט זיי קרעפטען צו בעזיענען דעם יצר־הרע. דער תלמוד זאָגט (שבת ק"ד ע"א) בא לטהר מסייעים אותו, (דער וואָס קומט זיך רייניגען העלפען איהם די הימלען צו). נאך זאָגט דער תלמוד (סוכה ל"א ע"א) ששה חדשים נתעכבה שכינה לישראל במדבר, שמא יחזרו בתשובה, (די שכינה האָט זיך פערזאמט ביי די אידען אין דער מדבר זעקס חדשים טאָמער וועלען זיי תשובה טהון). אויך זאָגט דער תלמוד (סנהדרין ק"ב ע"א) תפס הקדוש ברוך הוא בבגדו של ירבעם ואמר ליה חזור בך, (גאָט האָט אָנגעכאַפּט ירבעם בן נבט'ן ביי זיין קלייד און האָט איהם געזאָגט טהו תשובה). נאך שטעהט אין דעם תלמיד (סוכה נ"ב ע"ב) יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו, (דער מענשליכער יצר הרע שטאַרקט זיך אויף'ן מענש יעדען טאָג און וויל איהם טייטען), שנאמר (אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, (דער רשע קוקט אויף'ן צדיק און וויל איהם אומברענגען), ואלמלא הקדוש ברוך הוא עוזר לו אינו יכול לו (און ווען דער אייבערשטער זאָל איהם נישט שטעהן צו הילף וואָלט ער איהם נישט בייגעקומען), שנאמר (אזוי ווי דוד המלך זאָגט דאָרט) ה' לא יעזבנו בידו ולא ירשיענו בהשפטו (גאָט פערלאָזט איהם נישט אין זיין האַנד כדי ער זאָל איהם נישט בעשולדיגען ווען ער ווערט גערינכטעט). און נאך מעהר פערשטענדליך איז דער תלמודישער מאמר (מכות י' ע"ב) מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים (מיר געפינען ראיות אין תורה נביאים כתובים אז) בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, (אז אין דעם וועג וואָס דער מענש וויל געהן פיהרט מען איהם). מן התורה (פון די תורה איז א ראיה) דכתיב (אזוי ווי

ס'שטעהט

ס׳שטעהט אין במדבר כ״ב) לא תלך עמהם (גאט האט געזאגט צו בלעם׳ן דו זאלסט נישט געהן מיט זיי שעלטען די אידען), וכתיב (און ס׳שטעהט דארט) קום לך אתם (געה מיט זיי). מן הנביאים (פון נביאים איז א ראיה) דכתיב (ס׳שטעהט אין ישעיה מ״ח) אני ה׳ אלהיך מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך, (איך דיין אלמעכטיגער גאט לערן דיך צום גוטען און פיהרט דיך אין דעם וועג וואס דו ווילסט געהן). מן הכתובים (פון כתובים איז א ראיה), דכתיב (ס׳שטעהט אין משלי ג׳) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן (אויב דער מענש וויל געהן אין וועג פון די וואס שפאסען פון די תורה העלפט איהם דער אייבערשטער צו זיין צווישען זיי, און ווען דער מענש וויל געהן אין דעם גוטען וועג פון די צדיקים גיט איהם דער אייבערשטער א רייץ דאס אויסצופיהרען). און ווי אזוי זאגען ווייטער די תלמודיסטען פערקעהרט אז די פערצייטלישע אידען און דוד המלך האבען געוואלט געהן און גלייכען וועג נאר דער אייבערשטער האט זיי געפיהרט אין די שלעכטע וועגען צו מאכען דעם עגל און צו טהוען די זינד פון בת־שבע׳ן.

נאר גיט אריינקלערענדיג אין די זינד פון עגל אויך אין די זינד פון דוד׳ן מיט בת־שבע׳ן איז דאס ווירקליך צו בעוואונדערן, די פער־צייטישע אידען וואס האבען טאג טעגליך אנגעזעהען זייערע אויגען מיט די אונגעהויערע נסים און נפלאות וואס דער גאט פון זייערע הייליגע אבות האט צוליעב זיי געטהון, אזוי ווייט אז די תלמודיסטען זאגען (מכילתא בשלח): ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, (א דינסט האט אייפ׳ן ים געזעהן וואס דער גרויסער נביא יחזקאל האט נישט געזעהן), זיי זאלען זיך פלוצלינג ערלויבען צו פערלאזען דעם וואונ־דערליבען בעשעפער, און איהם אויסטוישען אויף א גאלדען קאלב. נאך מעהר וואונדער איז וואס אהרן הכהן משה רבנו׳ס ברודער וואס איז גע־זוען דער פריינד פון די הייליגע שכינה (זהר ויקרא ב׳ ע״א), ער זאל גאר האבען גענומען א אנטייל אין דעם מאכען דעם עגל. אויך איז צו בעוואונדערן דאס אזוי א הייליגער חסיד ווי דוד המלך עליו השלום וואס בערימט זיך אליין ולבי חלל בקרבי (מיין הארץ איז אין מיר ווי א ער־מארדעטער אהן די מינדעסטע תאוה). ער זאל זיך גאר ערלויבען צו טהוען די זינד פון בת־שבע׳ן און נישט קענען בעזיעגען דעם יצר־הרע. די רוזענדע העלדען וואס הייבען אויף די שווערסטע לאסטען מיט זייערע קרעפטיגע הענד זיי זאלען נישט קענען אויפהייבען א פלעדער אין שטער.

דאווד

דאַדורך צווינגט דאָס די תלמודיסטען צו זאָגען, אַז זייער ווילען איז ווירקליך נישט געווען דאָס צו טהון און זייער קלוג הארץ איז געווען ווייט פון דעם, נאָר דאָס הימלישע קעניגרייך האָט זיי דאָס איינציגע מאָל געלאָזט בעזיעגט ווערען פון יצר-הרע, פון דעם זאָל שפּראָצען אַ לעהרע פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק און די זינדיגע זאָלען זעהען אַז דער כח פון תשובה איז אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק, דאָס דורך איהר ווערען אפילו אזעלכע גרויסע זינד ווי די צוויי זינד אויך פערגעבען. און מיט דעם פערשטעהען מיר וואָס דער תלמוד זאָגט (סנהדרין ק"ז ע"א) אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא (דוד האָט געזאָגט פאַר'ן אייבערשטען) גליא וידיעא קמך (ס'איז דיר ענטדעקט און בעוויסט), דאי בעיא למכפייה ליצרי (ווען איך זאָל דורכאויס וועלען בעזיעגען מיין יצר), הוה כייפינא (וואָלט איך איהם זיכער בעזיעגט), אלא אמינא דלא לימרו (נאָר איך האָב מיר געטראַכט אַז מ'זאָל נישט זאָגען) עבדא זכי למריה (דער קנעכט האָט בעזיעגט זיין הער). דאָס הייסט אַז דער הער האָט געוואָלט די זינד זאָל געשעהען. מיט אַכטונג

יהודה ליווא

---

# די צוועלפטע שאלה.

געעהרטער ראַבינער! היינט האָבען אונזערע גייסטליכע קריטיקירט אייער פערהייליגטען תלמוד מיט דעם וואָס זיינע פערפאַסער האָבען זיך ערלויבט צו פערגעטערן די קלענסטע מענשען און צו בעעהרען די אונ-וויסענדע קעפּ מיט די שענסטע קרוינען. און אַלס בעווייז האָבען זיי מיר געוויזען דעם תלמודישען מאמר (נדה ל' ע"ב): „דרש רבי שמלאי (רבי שמלאי האָט ערקלערט), למה הולד דומה במעי אמו (צו וואָס איז דאָס קינד גלייך אין זיינע מוטערס לייב), לפנקס שמקיפל (צו אַ איינגע-לייגטען בוך), ומונח ידיו על שתי צעדיו (און ער ליגט דאָרט האַלטענ-דיג זיינע הענד אויף זיינע ביידע שלעפען), שני אציליו על שתי ארכבותיו (זיינע צוויי אַבעראַרעמס אויף זיינע צוויי קניען), ושני עקביו על שתי עגבותיו (און זיינע צוויי פוסזעלע אויף זיינע צוויי הינטערבאַקען), וראשו מונח לו בין ברכיו (אין זיין קאָפּ ליגט איהם צווישען זיינע שויסען), ופיו סתום וטבורו פתוח (און זיין מויל איז פערמאַכט און זיין נאַבעל אָפען) ואוכל

ואוכל ממה שאמו אוכלת (און ער עסט פון דעם וואס זיינע מוטער עסט), ושותה ממה שאמו שותה (און טרונקט פון דעם וואס זיינע מוטער טרונקט), ואינו מוציא רעי שמא יהרוג את אמו (און ער האט דארט קיין אויסגאנג ער זאל נישט טייטען זיינע מוטער). וכיון שיצא לאויר העולם (אזוי ווי ער געהט ארויס אויף די לופט פון דער וועלט), נפתח הסתום ונסתם הפתוח (ווערט דאס פערמאכטע געעפענט און דאס אפענע פערמאכט), שאלמלא כן (ווען ס'זאל נישט אזוי זיין), אינו יכול לחיות אפילו שעה אחת (וואלט ער אפילו איין שעה נישט געקענט לעבען), ונר דלוק לו על ראשו (און א ליכט ברענט איהם אויפ'ן קאפ), וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו (און ער קוקט און זעהט פון איין עק וועלט ביז די צווייטע עק וועלט), שנאמר (אזוי ווי ס'שטעהט אין איוב כ"ט) בהלו נרו עלי ראשי לאורו אלך חשך (ווען זיין ליכט שיינט אויף מיין קאפ געה איך מיט זיין ליכטיגקייט אין דער פינסטער). ואל תתמה (דו זאלסט זיך נישט אויף דעם וואונדערן), שהרי אדם ישן כאן ורואה חלום באספמיא (א מענש שלאפט דא און זעהט א חלום אין אספמיא). ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים (און דו האסט נישט קיין טעג וואס דעם מענש איז אין זיי גוט ווי די טעג), שנאמר דער וועלבער איוב זאגט דארט) מי יתנני כירחי קדם כימי אלוה ישמרני (ווער געט מיר געבען ווי די פאראייטיגע חדשים, און זאל מיך היטען ווי די טעג פון גאט), ואיזהו ימים שיש בהם ירחים ואין בהם שנים (וועלכע זענען דאס די צייטען וואס אין זיי געפינט זיך חדשים נישט קיין יאהרען), הוי אומר אלו ירחי לידה (הייסט דאס די שוואנגער-חדשים). ומלמדין אותו כל התורה כולה (און מ'לערנט איהם דארט די גאנצע תורה), שנאמר (אזוי ווי ס'שטעהט אין משלי ד') ויורני ויאמר לי יתמך דברי לבך שמר מצותי וחיה (ער האט מיך געלערנט און האט מיר געזאגט: דיין הארץ זאל אונטער שטיצען מיינע ווערטער היט מיינע געזעצען וועסט די לעבען). ואומר (און נאך זאגט איוב דארט) בסוד אלוה עלי אהלי (ווען גאטס געהיים איז אויף מיין געצעלט). וכיון שבא לאויר העולם (און אזוי ווי דאס קינד קומט ארויס אויף די לופט פון דער וועלט), בא מלאך וסטרו על פיו (קומט א מלאך און קלאפט איהם אויפ'ן מויל, ומשכחו כל התורה כולה (און מאכט איהם פערגעסען די גאנצע תורה), שנאמר (אזוי ווי ס'שטעהט אין בראשית ד') לפתח חטאת רבץ (ביי די טהיר ליגט דאס פעהלען). ואינו יוצא משם עד שמשביעין

אותו

אותו (און דאָס קינד נעהם נישט ארויס פון דאָרט ביז מ׳בעשוועֶרט איהם, שנאמר (אזוי ווי ס׳שטעהט אין (ישעיה מ״ה) כי לי תכרע כל ברך תשבע כל לשון (צו מיר בייגט זיך יעדע שוים און יעדע צונג שווערט). כי לי תכרע כל ברך זה יום המיתה (צו מיר בייגט זיך יעדע שויס דאָס איז דער טאָג פון שטאַרבען), שנאמר (אזוי ווי ס׳שטעהט אין (תהלים כ״ב) לפניו יכרעו כל יורדי עפר ונפשו לא חיה (פאַר איהם בייגען זיך אלע וואָס ווערען בעערדיגט און ער האָט נישט געלאָזט לעבען זיין נפש), תשבע כל לשון זה יום הלידה (יעדע צונג שווערט דאָס איז דער געבורטסטאָג), שנאמר (אזוי ווי ס׳שטעהט אין תהלים כ״ד) נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה (דער אונאיינגענוטציגער און ריינהערציגער וואָס האָט נישט אומזאָנסט געבראַנגען מיין הימלישע נשמה און האָט נישט פאַלש געשוואָרען). ומה היא השבועה שמשביעין אותו (און וואָס איז די שבועה וואָס מ׳בעשוועֶרט איהם), תהי צדיק ואל תהי רשע (זאָלסט זיין א צדיק און זאָלסט נישט זיין קיין רשע), ואפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע (און אפילו די גאַנצע וועלט וועט זאָגען צו דיר אז דו ביסט א צדיק זאָלסט דו אין דיינע אויגען זיין א רשע). והוי יודע (און זאָלסט וויסען) שהקדוש ברוך הוא טהור (אז דער אייבערשטער איז ריין), ומשרתיו טהורים (און זיינע דינער זענען ריינע), ונשמה שנתן בך טהורה היא (און די נשמה וואָס ער האָט אין דיר געגעבען איז א ריינע), אם אתה משמרה בטהרה מוטב (ווען דו היטסט זי מיט ריינקייט איז גוט), ואם לאו הריני נוטלה ממך (און ווען נישט נעם איך זי צוריק צו פון דיר)״.

זאָגט מיר הויכגעבילדעטער ראַבינער, אויב דער תלמודישער מאמר לאָזט זיך אריינעמען אין פערשטענדיגען קאָפּ אריין. דער קינדישער קערפּער וואָס ליגט נאָך פערשפּאַרט אין זיינע מוטערס לייב, זאָל גאָר דאָרט זיין ווי א נביא און זעהען וואָס ס׳געשעהט אויף דער גאַנצער וועלט. די מוטערס בויך זאָל גאָר זיין א הייליגע ישיבה וואָס מ׳לערנט דאָרט די גאַנצע תורה. אויך פאַר וואָס קומט דעם אונשולדיגען קינד אז אזוי ווי ער ערשיינט אויף דער וועלט זאָל איהם דער מלאך אזוי א שטאַרקען קלאַפּ געבען איבער׳ן מויל. אז ער פערגעסט אין איין אויגענבליק

די גאנצע תורה. אויך וואס נוצט די שבע״ז וואס מ׳בעשווערט איהם ווען דער מלאך מאכט איהם אלץ פערגעסען. איך גלייב אז דער תלמודיסט רבי שמלאי האט אין די שארפזיניגע לעגענדע זעהר א רוכען געדאנק בעהאלטען. סוף אכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די צוועלפטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! געשווים איז זעהר א הויכער געדאנק בעהאלטען אין דעם שענעם פארשטעלונג פון דעם גרויסען תלמודיסט רבי שמלאי וואס רבי יהודה הנשיא האט איהם געהאלטען פאר זיין לייב-מענש (עבודה זרה ל״ז ע״א), אזוי ווי איך האב אייך שוין ערקלעהרט אין די פינפטע תשובה. און דער הויכער געדאנק איז לויט מיין מיינונג, אז דער מענש זאל זיך אויף דער וועלט פיהרען לויט ווי ער איז ענט-וויקעלט געווארען אין דעם לייב פון זיינע מוטער, וואס זיין לעבען דארט די ניין חדשים איז געטהיילט אין דריי טהייל אזוי ווי זיין לעבען די זיבציג יאהר איז געטהיילט אין דריי טהייל. אזוי ווי דער תלמוד שרייבט: „שלשה חדשים הראשונים הולד דר במדור התחתון (די ערשטע דריי חדשים וואוינט דאס קינד אין דעם אונטערשטען וואוינונג פון זיין מוטערס קערפער), שלשה חדשים האמצעים דר במדור האמצעי (די מיטעלע דריי חדשים וואוינט דארט דאס קינד אין מיטעלסטען קערפערליכען וואוינונג). שלשה חדשים האחרונים דר במדור העליון (די לעצטע דריי חדשים וואוינט דארט דאס קינד אין אייבערשטען קערפערליכען וואוינונג), כיון שהגיע זמנו לצאת (אזוי ווי ס׳קומט זיין צייט ארויס צו געהן), מתהפך ויוצא (דרעהט ער זיך אום און געהט ארויס). און זייענדיג די זיבציג יאהר אויף דער וועלט געפונט זיך דער מענש אויך אין דריי אב-טהיילונגען. אין דעם ערשטען דריטעל פון זיין לעבען געפונט זיך דער מענש אין דעם נידעריגסטען וואוינונג וואס איז נעהנטער צו די ערד און ווייטער פון הימעל, דאס הייסט אז ער איז מעהר פערפלאכטען אין די נידעריגסטע ערדישע תאוות און זיינע נידעריגע קרעפטען זענען נאך ווי פאראליזירט צו בעזיגען דעם שלעכטען יצר. אין דעם צווייטען דריטעל פון זיין לעבען שטעהט שוין דער מענש העכער און געפונט זיך

שוין

שוין אין דעם מיטעלסטען וואוינונג צווישען הימעל און ערד און דער יצר הרע מיט דעם יצר טוב האבען די גלייכע פריווילעגען אין זיין קערפער. אין דעם לעצטען טייל פון זיין לעבען וואוינט שוין דער מענשליכער גייסט אין דעם מדור העליון, דאמאלס איז ער שוין פיעל מעהרער צו דעם הימעל ווי צו די ערד, און דער גוף איז ווי א גע-הארלזאמער קנעכט צום גייסט. און די הנהגה פון דעם קינד זיינעריג אין זיינע מוטערס לייב, איז בענוי גלייך אין אלע הינזיכטען צו די הנהגה פון מענש אויף דער וועלט, און אט דאס איז די ריכטיגע כונה וואס דאס קינד האלט דארט זיינע הענד אויף זיינע שלעפען, וויל ווען דער מענש בעקלעהרט א זאך האלט ער זיינע הענד אויף זיינע שלעפען, און אזוי ברויך זיך דער מענש שטענדיג בערעכענען און גוט בעקלעהרען אלע זיינע זאכען איידער דער טעות געשעהט, אזוי ווי רבי יהושע בן לוי זאגט (סוטה פרק א׳) כל השם אורחותיו בעולם הזה זוכה ורואה בישועתו של הקדוש ברוך הוא, (דער וואס בערעכענט זיינע וועגען אויף דער וועלט איז זוכה צו זעהען דעם אייבערשטענס הילף). אויך דאס רבי שמלאי זאגט אז דאס קינד האלט זיינע אבערארעמס אויף זיינע קניען, איז דער מיינונג אז דער מענש זאל צוהאלטען זיינע פיס און זיי נישט לאזען געהן אין ד שלעכטע וועגען, אזוי ווי שלמה המלך ווארנט (משלי ד׳ כ״ו) פלס מעגל רגלך, (וועג אב דעם טריט פון דיין פוס). און דאס וואס דאס קינד האלט זיינע פוסזעלע אויף זיינע הינטער-באקען, לערנט, אז דער מענש זאל זיין אונטערטאהן פאר׳ן אייבערשטען ווי דער קנעכט וואס קניעט פאר זיין הער. און דאס וואס דאס קינד האלט דעם קאפ צווישען זיינע שויסען, לערנט, אז דער מענש זאל קיין שטאלץ נישט בעזיצען און נישט אויפהייבען זיין קאפ געגען צווייטען מיט גאוה, אין דאס קריטיקירט דער תלמוד די פערציינישע טעכטער פון ציון וואס זענען געגאנגען בקומה זקופה (שבת ס״ב ע״ב). און איינס פון דעם צדיק׳ס מעלות איז וואס ער געהט נישט בקומה זקופה (סנהדרין פ״א ע״א). און דאס וואס רבי שמלאי זאגט אז דעם קינדס מויל איז פערמאכט און זיין נאבעל אפען, צו לערנען אז דער מענש זאל נישט זיין קיין פרעסער נאר זיך ערנעהרען שטיל מיט דרך ארץ, אזוי ווי דן תלמוד[?]סשען לערנען און פיעל ערטער (ברכות ל״ט ע״ב. פסחים פ״ו ע״ב. סנהדרין ע״ב ע״א. חולין פ״ד ע״ב. בכורות מ״ד ע״ב). און דאס וואס רבי שמלאי זאגט אז דאס קינד עסט און טרינקט דאס וואס דן

מוטער

מוטער עסט און טרונקט, לערנט דעם מענש אז ער זאל זיך לאָזען בע־
נעניגען מיט דעם ערנעהרונג וואס די השגחה העליונה גיעט איהם, און
נישט בערויבען דעם צווייטען. און רבי שמלאי'ס ערקלעהרען אז דאס
קינד איז דארט נישט מטיל רעי ער זאל מיט דעם נישט אומברענגען
די מוטער, לערנט דעם מענש אז ער זאל זיך נישט בעשמוצען מיט די
פּראָסטע תאוות וואס דער נביא רופט זיי אן (ישעיה כ״ח ח׳. זהר״ד ג׳
פ׳) צואה, אויך רופט זיי שלמה המלך אויך אזוי אן (משלי ל׳ י״ב), וויל
דורך דעם פערטרייבט ער די שבינה וואס רופט זיך די מוטער פון די
כנסת ישראל (שבת ל״ג ע״א. מגילה ט״ו ע״ב. חגיגה ט״ז ע״א). און
דער מיינונג פון דעם ליכט וואס ברענט אויפ'ן קינדס קאפ, איז, אז
די נשמה וואס דער ביבעל רופט זי אין פיעל ערטער אן מיט'ן נאָהמען
ליכט (תהלים קל״ב י״ז. משלי כ׳ כ״ז. שמואל ב׳ כ״ב כ״ט), די ריינע
נשמה לייכט נאך דאמאלס זעהר קלאָהר אויף דעם קינדס קאפ, און זי
איז נאך נישט פערדונקעלט מיט די שווארצע ערדישע תאוות. און
ווען די געטליכע נשמה איז פריי פון די ערדישע געפיהלען דאמאלס
איז זי נישט בעגרענעצט, און ווייט און נאהענט איז ביי איהר אלץ איינס,
אזוי ווי אין שלאף ווען דער קערפער הערשט נישט אויף די נשמה זעהט
זי וואס אין אספמיא טהוט זיך, און לויט ווי די תלמודיסטען זאגען איז
דער חלום איין זעכציגסטעל פון נבואה (ברכות נ״ז ע״ב). דארום זאגען
טאקי די טעג די בעסטע פון מענשענס לעבען. און זייענדיג דארט מיט'ן
ריינעם אמת אונטער די אויפזיכט פון די הימלישע השגחה, קאן מען
דאס ווירקליך אנרופען אז מ'לערנט דארט מיט'ן קינד די גאנצע תורה,
וויל דער וואס איז א מענש וואס געהט נישט איין טריט אהן אמת, דער
קומט אליין אויף די גליקליכע וועגען וואס די תורה האט זיי אויסער־
וועהלט, דארום זאגען די תלמודיסטען אז די גרויסע גייסטיגע מענשען
וואס זענען געוועזען פאר קבלת־התורה, האבען אויך מקיים געוועזען די תורה
(ברכות כ״ו ע״ב. יומא כ״ח ע״ב). נאר אזוי ווי דאס קינד קומט ארויס
אויף דער וועלט, און פיהלט נאר די פערפעסטעטע לופט, איז עס גלייך
ווי א שלעכטער מלאך גיעט דעם קינד א קלאפ אויפ'ן מויל אז ער הייבט
גלייך אן וויינען און ער פערגעסט גלייך די תורה דאס הייסט זיין רוהיג
לעבען וואס ער האט דארט געלעבט, אזוי ווי דער ביבעל שרייבט (איוב
י״א י״ב) ועיר פרא אדם יולד, (דער מענש ווערט געבוירען א ווילד
עזעל). און דער מיינונג פון דער שבועה איז, אז דער איבערשטער

ניעט אריין אין דעם מענשליכען גייסט א קראפט ער זאל זיין א צדיק און בעזיעגען דעם שלעכטען יצר, און דאס איז גלייך ער בעשווערט איהם ער זאל נישט זיין קיין רשע, געבענדיג אין איהם א ריינע נשמה, וואס זי שטאמט פון דעם הימעל, וואס דארט איז דער גאט וואס ער און זיינע מלאכים זענען ריין פון שלעכטס, און דער מענש וואס האלט נישט זיין נשמה ריין ווערט זי פון איהם צוגענומען, דאס הייסט די זעלבע שטראף וואס ס'קומט דעם וואס האלט זיין שבועה נישט (עי' שבת ל"ג ע"א. ערכין ט"ז ע"א). מיט אכטונג

יהודה ליווא.

---

# די דרייצענטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! די היינטיגע גייסטליכע האבען אין מיר געוואלט אריינברענגען א האס צו אייערע תלמודיסטען, ציינענדיג מיר וואס זיי שרייבען אין דעם גזעצליכען דיספוט פון די תלמודיסטען אליעזר מיט זיינער געגענער (בבא מציעא נ"ט ע"ב): „ואמר להם (האט רבי אליעזר צו זיי געזאגט), אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו (דורך דעם הימעל זאלען זיי זיך איבערצייגען אויב די הלכה איז ווי איך זאג), יצאתה בת קול ואמרה (איז ארויס א בת־קול און געזאגט). מה לכם אצל רבי אליעזר שהלכה כמותו בכל מקום (וואס ווילט איהר האבען פון רבי אליעזר'ן וואס איבעראל בלייבט די הלכה ווי ער), עמד רבי יהושע על רגליו (האט זיך רבי יהושע אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס), ואמר (און האט געזאגט) לא בשמים היא (דער פסוק דברים ל' זאגט אז די תורה איז נישט איצט אין הימעל), מאי לא בשמים היא (וואס איז די כונה פון פסוק אז די תורה איז נישט אין הימעל), אמר רבי ירמיה (זאגט רבי ירמיה), שכבר נתנה תורה מהר סיני (ווייל די תורה איז שוין לענגסט געגעבען געווארען פון בארג סיני), אין אנו משגיחין בבת קול (מיר קוקען נישט בת־קול), שכבר כתבת בהר סיני בתורה (די האסט שוין לענגסט געשריבען אין די תורה אויפ'ן בארג סיני, שמות כ"ג) אחרי רבים להטות (מ'זאל געהן נאך די מעהרהייט). אשכחיה רבי נתן לאליהו (האט רבי נתן געטראפען אליהו הנביא), אמר ליה מה עביד קודשא בריך הוא בההיא שעתא (האט ער איהם געפרעגט וואס האט דער איי־

בערשטער

בערשטער געטהון אין די צייט), אמר ליה (האט איהם אליהו געענט־
פערט) קא חייך (ער האט געשמייכעלט), ואמר (און האט געזאגט), נצחוני
בני נצחוני בני (מיינע קינדער האבען מיך בעזיעגט, מיינע קינדער
האבען מיך בעזיעגט)״.

זאגט געעהרטער ראבינער אליין, ווי אזוי ערלויבען זיך דאס
רעליגיעזישע מענשען צו זאגען, אז זיי קוקען נישט אויף א בת־קול וואס
דאס איז גאטעס שטימע. אויך ווי קאן דאס דער רייגער פערשטאנד בע־
שטעטיגען, דאס דער אייבערשטער זאל זאגען אז ער איז בעזיעגט גע־
ווארען פון א בשר ודם, ווי אזוי האבען אייערע תלמודיסטען פערגעסען
אין די בעקאנטע פסוקים פון ביבעל (איוב ד׳ י״ז) האנוש מאלוה יצדק,
(קאן דען דער מענש גערעכטער זיין פאר גאט). אויך (ישעיה כ״ט ט״ז)
ויצר אמר ליוצרו לא הבין, (דאס בעשעפעניש זאל זאגען צו זיין בע־
שעפער דאס ער האט נישט פערשטאנען). או נאך אזעלכע ביבלישע
פסוקים וואס זיי פראטעסטירען געגען דעם תלמודישען מאמר. איך
צווייפעל איב ס׳וועט אייך געלונגען צו פערטיידיגען אויך דעם מאמר.
מיט אכטונג

קארדינאל יאהן

---

# די דריצענטע תשובה.

געעהרטער קארדינאל! דאס וואס דער תלמודיסט האט געזאגט
אז מיר קוקען נישט אויפ׳ן בת־קול, האבען זיי חלילה נישט געמיינט צו
זאגען אז זיי האלטען זייער שכל גרעסער און שארפער פאר דעם שכל
פון הימעל, נאר אים געגענטייל, זיי האבען נאך מיט דעם געוויזען ווי
זיי פערהייליגען די געזעצען וואס דער הימלישער שכל האט זיי געגעבען,
ווי דער געזעץ וואס האט געפינען א ווילטיגען פלאץ אין די תורה אחרי
רבים להטות, מ׳זאל גערן נאך די מעהרהייט. און חאטשע דער רבי
אליעזר איז געוועזען אזוי א חכם אז איבעראל בלייבט די הלכה ווי ער,
פונדעסטוועגען ווילען זיי נישט אבטרעטען פון געטליכען געזעץ וואס
הייסט גערן נאך די מעהרהייט, ווייל די תורה שטעהט אין אלע בע־
ציהונגען העכער פאר דעם בת־קול, און דאס הייסט אז דער אייבער־
שטער איז כביכול ווי בעזיעגט געווארען, מיט דעם וואס ער ערפיהלט
דעם

דעם וואונש פון זיינע עהרליכע קנעכט, אזוי ווי דער הייליגער דוד המלך זאגט (תהלים קמ״ה י״ט) רצון יראיו יעשה, (ער טהוט דעם פערלאנג פון זיינע צדיקים). און ווען אונזערע תלמודיסטען האבען ארויסגעגעבען א געזעץ, אז (כתובות י״ז ע״א) מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול (דער מלך וואס איז אליין מוחל זיין כבוד איז דאס קיין פערגעבונג נישט), ווי זאל נאך זיין ביי׳ם אייבערשטענס כבוד, ווען ער האט אליין געשריבען אין זיינע הייליגע תורה אחרי רבים להטות (מ׳זאל גיהן נאך דעם רוב), און נאכדעם איז ער מוחל זיין כבוד און זאגט דורך א בת-קול אז די הלכה בלייבט ווי רבי אליעזר נישט ווי דער רוב וואס קריגט אויף איהם. אזוי ווי די תלמודיסטען זאגען אויף א אנדער ארט (שבת ע״ד ע״ב) השתא לפני מלך בשר ודם אין עושין כן, לפני מלך מלכי המלכים על אחת כמה וכמה, ווען פאר א מלך בשר ודם טהוט מען נישט אזוי, דארף מען פאר דעם מלך מלכי המלכים ; ודאי אין א ודאי נישט אזוי טהון). און דער זעלבער רבי יהושע וואס דאס געזאגט אין משגיחין בבת-קול, איז אליין אויך געווען זעהר געהארכזאם דעם אייבערשטען, אז דער תלמוד ירושלמי (יבמות פ״א) שרייבט, אז ווען זיינע מוטער איז מיט איהם מעוברת געווען, איז זי געגאנגען אין פיעראונצוואנציג בתי-מדרשים מ׳זאל מתפלל זיין אז דאס קינד זאל זיין א צדיק. און ווען ער איז געבוירען געווארען און איז נאך געווען א קליין זייגענדיג קינד, האט זי זיין וויעגעלע געשטעלט אין בית-המדרש אריין אז זיינע אויערען זאלען זיך צוגעוואוינען צו דעם קול פון די תורה. אויך איז דער רבי יהושע געווען איינער פון די הייליגע משוררים אין בית-המקדש (ערכין י״א ע״ב). און איז געווען א מודה על האמת, און ווען ער האט זיך איבערצייגט אז ער האט נישט ריכטיג געקריגט אויף זיינם א חבר, האט ער זיך געלייגט אויף זיין קבר, און איהם איבערגע-בעטען, און אזוי לאנג געפאסט ביז זיינע צייהן זענען שווארץ געווארען (חגיגה כ״ב ע״ב). אויך איז ער געווען איינער פון די גרעסטע מקובלים און ער האט בעוויזען אומנאטירליכע זאכען (שם י״ד ע״ב). און ער איז אזוי געווען איבערגעגעבען צום לערנען אז ער האט זיין קערפער אויך זיינע קליידער נישט קיין צייט געהאט צו וואשען (רש״י עבודה זרה ס״ז ע״ב). און ביי דעם אלעם איז ער זעהר גרויס געווען ביי׳ם קייזער טריאנוס (חולין נ״ט ע״ב). און דעם קייזערס טאכטער האט געריהמט זיין חכמה (נדרים נ׳ ע״ב). דאדורך איז קיין מינדעסטער ספק נישט, אז

עינע

זיינע ווערטער זענען זעהר פינקטליך אבגעוואגען אויף די רעליגיעזישע אויך פילאזאפישע וואג שאלען, און זיי זענען אינווענדיג פיעל רייכער ווי אויסווענדיג, און חאטשע ער איז אליין אויך געוועזען זעהר גרויס אין זיין דור. פונדעסטוועגען האט ער געלערנט די וועלט מ'זאל ביי די געצעלן נישט קוקען אויפ'ן יחוס פון מענש נאר געהן נאך די מעהרהייט, וואס דאס אליין ווייזט ווי וויט אמת ער איז געוועזען. אויך דער תלמודיסט רבי נתן וואס אליהו האט איהם געזאגט אז דער אייבערשטער האט דעם רבי יהושע'ן געלעלט נעגעבען, ער איז אויך געוועזען איינער פון די גרעסטע חכמים אין זיין דור, און זיינע עלטערען זענען געוועזען די ראשי-הגולה אין בבל, און ער האט פיעל מאל זוכה געוועזען צו גלוי-אליהו (גיטין י' ע"א. ב"מ נ"ט ע"ב). דאדורך איז נישט אזוי שנעל צו קריטיקירן זייערע מאמרים, נישטגלייבענדיג אז אין זיי ליגט בעהאלטען זעהר הויכע און וויכטיגע געדאנקען. אין אזוי ברויך מען בעטראכטען די מאמרי פון אלע תלמודיסטען וואס זיי האבען געפונען א ארט אין תלמוד

מיט אכטונג
**יהודה ליוואַ**

---

# די פיערצענטע שאלה.

געעהרטער ראבינער! איך מוז אייך זאגען אז די חכמה וואס איך האב געזעהען אין אייער פערטיידיגען די מאמרים פון אייערע תלמודיסטען האט אין מיר פערפלאנצט א אונגעהויער פריינדשאפט צו אייך און איך בין היינט אויך געוועזען אייער פערטיידיגער און נישט צוגעלאזט אונזערע גייסטליכע אייך איבערצוגעבען פאר'ן געריכט אלס מכשף, זיי זאגען אז איהר האט דעם גולם געמאכט מיט כשוף וואס אונזער גלויבען אויך אונזער רעגירונג בעשטראפט זעהר שטרענג פאר דעם. נאר אזוי ווי אייערע אידישע תורה ערלויבט אויך נישט מ'זאל זיך בענוצען מיט צויבערן, איז ביי אונז געבליבען מ'זאל אייך א-פרעגען ווי אזוי איהר האט אייך ערלויבט עובר צו זיין אויף דעם שטרענגען געזעץ פון אייערע תורה וואס זי פערווערטיילט דעם מכשף מיט דעם ביטערסטען טויט, היינט האט זיך ביי דעם ויצוגג געפונען דער וועלבער געטויפטער איד וואס איז געוועזען אויך ביי דעם ערשטען ויצונג, און ער האט אונז גע-

זאגט

וואָס אַז אײַער תלמוד ערלויבט עוסק צו זײַן אין כשוף, נאָר מײַן הערץ ערלויבט מיר נישט צו גלײַבען, אַז דער תלמוד זאָל זײַן דערגעגען די תורה, און מתיר זײַן אַזוי אַ זאַך וואָס דער אײַבערשטער רופט עס אָן (דברים י״ח י״ב) תועבה, דאָס הײַסט אַבשײַליכעס. סימ אַלטונג

## קאַרדינאַל יאַרק.

---

# די פּיערצענטע תשובה.

געעהרטער קאַרדינאַל! איצט נישט לאַנג האָב איך אַרויסגעגעבען מײַנם אַ ספר מיט׳ן נאָמען באר הגולה, וואָס אין איהם האָב איך געשריבען זעהר אַ אינטערעסאַנטען מאמר צו ערקלערען דעם אונטערשייד פון כשוף און קבלה מעשיות, און איך האָב אויסגעוויזען אַז דער חלוק פון די צוויי מעטאַפיזישע קרעפטען איז דער זעלבער חלוק וואָס איז צווישען אַ טײַפעל און צווישען אַ מלאך.

דער תלמודיסט אביי זאָגט (סנהדרין ס״ז ע״ב) הלכות כשפים כהלכות שבת (די דינים פון כשוף פערגלײַכען זיך מיט די דינים פון שבת), יש מהן בסקילה (ס׳איז פון זיי דאָ דינים וואָס ס׳קומט צו פערשטײַנען), ויש מהן פטור אבל אסור (און ס׳איז פון זיי דאָ דינים וואָס האָטשע זיי זענען פערוערט צו טהוען, פונדעסטוועגען קומט פאַר זיי קײַן עונש נישט), ויש מהן מותר לכתחלה (און ס׳איז פון זיי דאָ דינים וואָס מ׳מעג זיי לכתחלה טהוען) העושה מעשה בסקילה (דער וואָס טהוט אין זיי אַ ווירקליכע אַרבײַט קומט איהם בײַ שבת און בײַ כשוף סקילה), האוחז את העינים פטור אבל אסור (דער וואָס פערבלענדעט די אויגען גלײַך ער טהוט אַ מעשה אָבער אין אמת טהוט ער גאָרנישט קומט איהם קײַן עונש נישט אָבער אסור איז איהם דאָס צו טהוען), מותר לכתחלה (די זאַכען וואָס מ׳מעג זיי לכתחלה טהוען זענען) כדרב חנינא ורב אושעיא (אַזוי ווי די צוויי חכמים), כל מעלי שבתא הוו עסקי בהלכות יצירה (יעדען ערב שבת האָבען זיי עוסק געווען אין די הײליגע צרופי שמות פון דעם ספר יצירה פון אברהם אבינו עליו השלום), ומיברא להו עגלא תלתא (איז זיי בעשאַפען געוואָרען אַ געדריטעלט קאַלב), ואכלי ליה (און זיי האָבען עס געגעסען). און דער מײַנונג איז נישט אַז די

צוויי

צווייא גרויסע צדיקים האבען עוסק געווען אין כשוף חלילה און נהנה געוועזען פון דעם, ווייל די זינד פון דעם איז גרויס אהן א שעור אז אפילו א בן נח איז אויף איהר געווארענט (סנהדרין ס"ה ע"א), און דער תלמודיסט שמעון בן שטח האט אויפגעהאנגען אלציג פרויען בשוף-מאכערינס (שם מ"ה ע"ב), און האטשע דער תלמוד זאגט אז דער זעלבער רבי חנינא בר חמא איז געווען א בקי אין שדים (יבמות קכ"ב), פון דעסטוועגען האט ער קיין כשוף נישט בענוצט, ווייל ער איז געווען אזא גרויסער צדיק אז רבי יוחנן האט זיך אויף זיין טויט צוריסען דרייצעהן קליידער אלס קריעה (מועד קטן כ"ד ע"א), און ווען ער וואלט עוסק געווען אין כשוף וואלט איהם דאס רעגירונג בעשטראפט, צום סוף אז ער איז געקומען צום הערשער האט ער זיך פאר איהם אויפגעשטעלט מיט עהרע זאגענדיג אז ער זעהט אויס ווי א מלאך (ירושלמי פרק אין עומדין משנה א'), און רב אושעיא האט נישט עוסק געווען אין כשוף נעגען די הייליגע תורה וואס ער האט פאר איהר מינדעסט ווארט זיין גאנץ לעבען געאפפערט (עי' פסחים קי"ג ע"ב), און אונזער הייליגער תלמוד שרייבט (סוטה מ"ח ע"א) אז זנות און כשוף האבען די וועלט פערהאמגליקט, דאדורך קאן מען בשום אופן נישט גלייבען אז די צוויי הייליגע הימעלמענשען האבען זיך ערנעהרט אין הייליגען שבת דורך כשוף, נאר די כונה איז ווי רש"י הקדוש שרייבט דארט אז זיי האבען מצרף געווען דעם הייליגען שם וואס דער אייבערשטער האט מיט איהם די וועלט בעשאפען. און דאס וואס די תלמודיסטען רופען דאס אן כשוף, ווייל זיי זאגען טאקי דארט אויף דעם זעלבען בלאט למה נקרא שמן כשפים (פאר וואס רופען זיי זיך מיט'ן נאהמען כשפים), שמכחישין פמליא של מעלה (ווייל זיי לייקענען אב דאס הימלישע דיענערשאפט), דאס הייסט ווייל זיי זענען משנה די הנהגות וואס זענען בעשטימט געווארען אין הימעל, ווייל די וועלט פיהרט זיך דורך די אויבערשטע מלאכים, און דער כשוף ענדערט דאס וואס ס'איז אין דער הויך נגזר געווארען, דארום הייסט יעדע זאך וואס פערענדערט די אויבערשטע הנהגה מיט'ן נאהמען כשוף, האטשע דאס ענדערונג איז געשעהען דורך די שמות הקדושים, ווייל די מענשען וואס זענען ווייט פון די חכמת הקבלה מיינען אז דאס איז אויך א מין כשוף. אזוי ווי די תלמודיסטען זאגען אויף אליהו הנביא (ברכות ו' ע"ב) אז ער האט געבעטען צוויי זאל ענני (מלכים א' י"ח), ענני שתרד איש מן השמים (ענטפער מיר

ס'זאל

ס'זאָל אַראָב אַ פֿײַער פֿון הימעל), וענני שלא יאמרו מעשה כשפים הם (און ענטפֿער מיר זײַ זאָלען ניט זאָגען אַז דאָס איז מעשה כשוף. אויך ווען משה רבנו עליו השלום האָט געוויזען זײַנע אונגעהויערע נסים אין מצרים, האָבען זײַ אויך גערעכענט אַז דאָס זענען דורך כשוף דאַדורך האָבען זײַ זיך אַזוי לאַנג געראַנגעלט און ניט געוואָלט בעפֿרײַען די אידישע שקלאַפֿען, וואָס אין אמת זענען די נסים געשעהען דורך די שמות הקדושים וואָס די הײַליגע תלמודיסטען האָבען אין זײַ געהאַט זעהר אַ הויכע ידיעה און דערמאַנען זײַ אין פֿיעל ערטער, ווי (יבמות מ"ט ע"ב. גיטין ס"ח ע"א. קדושין ע"א ע"א. בבא בתרא ע"ג ע"א. סנהדרין צ"א ע"א. וק"ג ע"ב. וק"ז ע"א). אויך זאָגען די הײַליגע תלמודיסטען אַז דער אײבערשטער רופֿט זיך שדי, ווײַל ער צושטערט דאָס וואָס די שטערען ווילען אַרויסגעבען און ענדערט זײַער הנהגה לויט זײַן ווילען, און די צדיקים זענען פֿון אײבערשטען בעפֿאָלמעכטיגט אויך צו ענדערן די נאַטירליכע הנהגה ווען ס'איז נײטיג, און פֿיעל מאָל ענדערן די צדיקים מיט זײַער תפלה דאָס וואָס דער הימעל האָט בעשטימט, און דער זעלבער רב חנינא וואָס האָט מיט רב אושיעא'ן עוסק געווען אין הלכות יצירה, ער האָט מיט זײַן תפלה צוריק לעבעדיג געמאַכט דעם קנעכט וואָס אַנטונינוס האָט איהם אומגעבראַכט (ויקרא רבה פ"י. ועי' עבודה זרה י' ע"ב), און ווען אײַערע גײַסטליכע זאָלען דאָס זעהען פֿון דעם רב חנינא'ן וואָלטען זײַ איהם אויך געהאַלטען פֿאַר אַ מכשף און איהם איבערגעגעבען צום געריכט. נײַן געעהרטער קאַרדינאַל, אונזערע הײַליגע תלמודיסטען האָבען זעהר פֿײַנד געהאַט דעם מענש וואָס איז אַ נאה דורש ולא נאה מקיים (עי' חגיגה ג' ע"ב), און זײַ זאָגען צו דעם וואָס לערנט אַנדערע דאָס וואָס ער אַלײן טהוט עס ניט (בבא מציעא ק"ז ע"א) קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים (פּוטץ פֿריהער דיך נאָכדעם פּוטץ אַנדערע), דאַדורך ווען זײַ פֿערטיליגען אַזוי שטרענג די וואָס בעשעפֿטיגען זיך מיט צױבערײַ און הײסען די מכשפים פֿעראורטײַלען צום טויט (סנהדרין שם), ווערען זײַ אַלײן ניט עובר זײַן אויף דעם. זײַ האָבען נאָר ערלױבט צו לערנען כשוף אָבער ניט צו ווירקען מיט איהם (שבת ע"ה ע"א). אויך האָבען זײַ ערלױבט מבטל צו זײַן אַ כשוף דורך אַ כשוף (שם פ"א ופ"ב וק"י ע"ב וקט"ו ע"א. פּסחים קי"ב ע"א. יומא פ"ד ע"א. גיטין ס"ט. סנהדרין ס"ח ע"א וק"א ע"א), און די אַלע אומנאַטירליכע זאַכען וואָס די צדיקים האָבען געוויזען, זענען געמאַכט געוואָרען

וואָרען

ווארדען דורך די צרופים פון די שמות הקדושים, וואס נאר די יחידי סגולה קאָנען אין זיי האבען א השגה, אזוי ווי דער תלמוד ערצעהלט (סנהדרין ס״ה ע״ב) רבא ברא גברא (רבא האט בעשאפען א מענש דורך דעם ספר יצירה), שדריה לקמיה דרבי זירא (האט ער איהם געשיקט פאר רבי זירא׳ן), הוה קא משתעי בהדיה ולא הוה קא מהדר ליה (האט ער מיט איהם געשמועסט און ער האט איהם נישט געענטפערט), אמר ליה מן חבריא את הדר לעפריך (האט ער צו איהם געזאגט: די ביסט מחובר דורך די צרופי אותיות, געה צוריק אין דיין ערד אריין). און דער היילינגער רבא האט דעם מענש נישט בעשאפען דורך כשוף חלילה נאר די חכמת הקבלה, אזוי ווי די מוטער פון שבור מלכא האט געזאגט אויף דעם רבא׳ן או דער אייבערשטער טהוט איהם אלץ צוליעב (תענית כ״ד ע״ב), און ווען דער גולם וואלט געמאכט דורך כשוף, וואלט רבא איהם נישט געשיקט צו רבי זירא׳ן וואס זיין פאטער איז געווען א בעאמטער פון רעגירונג (סנהדרין כ״ה ע״ב), און דער כשוף איז געווען זעהר שטרענג פערבאָטען, נאר דער גולם איז געווען דורך די צרופי שמות הקדושים וואס בעזיצען א איבערנאטירליכע פעולה. מיט אכטונג

יהודה ליווא.